# אַלְגֶעמֵיינֶע יְדִיעוֹת

פַאר דִי

## ווָאס וִוילֶען פָאהְרֶען אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער.

אַרויסגעגעבען פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט.

פרייז 6 ק׳.

## ОБЩІЯ УКАЗАНІЯ

всѣмъ собирающимся переселиться
въ другія страны.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

302

ס״ט פטרבורג.

בוכדרוקעריי פאָן יוסף לוריא עט קאמפ., גאָראָחאָוואיא 48.

ה׳תרס״ו.

# אַלְגֶעמֵיינֶע יְדִיעוֹת

פַאר דִי

וָואס ווִילֶען פָאהְרֶען אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער.

ס״ט פטרבורג.

בוכדרוקעריי פאָן יוסף [illegible], גאָראָחאָוואיא 48.

ה׳תרס״ו.

# ОБЩІЯ УКАЗАНІЯ

всѣмъ собирающимся переселится
въ другія страны.

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.
иио-Литографія І. Лурье и К°, Гороховая ул., № 48.
1905.

# װער קאָן עמיגרירען.

יאָהר-יאָהרליך פאָהרען אַרױס פון רוסלאַנד צעהנדליגער טױזענדער יודען, דאָס רוב פון זײ אָרדענט זיך גוט אײַן אין די נײַע לענדער, אָבער זעהר פיעל — פיעל מעהר, װי מען װײסט און מײנט געװעהנליך — קומען אום פון פערשידענע פעלען אין װעג אָדער אָנקומענדיג אױף'ן אָרט, פיעל שטעהען זיך אױס אַלערהאַנד צרות און אָרימקײַט און זענען אָפטמאָל גענײט זיך אומקעהרען סוף כל סוף קײן רוסלאַנד. ניט אַלע מאָל איז די הצלחה אָדער דער אונגליק אַ צופאַל-זאַך; אַ סך װענדט זיך דאָ דערפון װי װײַט דער עמיגראַנט האָט אַלץ בעטראַכט און בעקלעערט אײדער ער האָט זיך געלאָזען אין װעג, װי װײַט ער האָט אַלץ גענױ אױסגעפאָרשט און איבערלעגט זיך.

[illegible] ניט יעדערער װאָס אין דער הײם איז איהם שלעכט, קאָן האָפען אַז די עמיגראַציע װעט פערבעסערען זײַן לאַגע. אין די לענדער, װאוהין די עמיגראַנטען פאָהרען, איז אומעטום — אַחוץ אַ קלײנער צאָהל אױסנאַהמען — פאַרהאַן נאָר אײן מיטעל זיך מאַכען אַ לעבען: פיזישע אַרבײט. אַפילו מענשען װאָס קאָנען אַ מלאכה אָדער האָבען אַ פאַך אין האַנד, קאָנען ניט שטענדיג [illegible] זײַן, אַז זײ װעלען נעפינען אַרבײט אין זײער פאַך. שטענדיג דאַרפען זײ זײַן גרײט צו טהון די אַרבײט, װאָס װעט זיך צו [illegible] מאַכען אין דעם אָרט, — דעריבער איז די ערשטע בעדינגונג פון עמיגראַציע—פעהיג זײַן צו אַרבײטען. עמיגרירען דאַרפען נאָר געזונדע מענשען, װאָס קאָנען אַרבײטען, און פאַ-

מִילִיעָס, וואָס האָבּען עֶטלִיכֶע אַזעֶלכֶע גֶעזונדעֶ אַרבּײַטעֶר. אַלטעֶ לײַט, קראַנקעֶ און שלאַפעֶ, בּכלל אַזעֶלכעֶ, וואָס קאָנעֶן נִיט אַר־בּײַטעֶן, דאַרפעֶן פאָהרעֶן נאָר צוּ קִינדעֶר אָדעֶר צוּ קרובים, וועֶלכעֶ ווִילעֶן זאָרגעֶן פאַר זײַ.

דעֶסגלײַכעֶן דאַרפעֶן נִיט אַרויספאָהרעֶן מעֶנשעֶן, וואָס קאָנעֶן אַפילוּ אַרבּײַטעֶן, נאָר זײַ האָבּעֶן אַ גרויסעֶ פאַמִילִיעֶ. כּדי מעֶן זאָל מאַכעֶן עֶפּעֶס אַ לעֶבּעֶן, דאַרף מעֶן האָבּעֶן אִין דעֶר פאַמִילִיעֶ פִּיעל דעֶרוואַקסעֶנעֶ, דאָס הײַסט, פעֶהִיגעֶ צוּ אַרבּײַט, און וואָס וועֶנִיגעֶר קלײנעֶ קִינדעֶר. אִין דיַ לעֶנדעֶר פון יעֶנעֶר זײַט דאַרף זִיךְ יעֶדעֶר אַלײן דעֶרנעֶהרעֶן. בּײַ אַ גוּטעֶר לאַגעֶ קאָן אַנ'אַר־בּײַטעֶר אויף אַ נײַעֶם אָרט דעֶרנעֶהרעֶן אַ ווײַבּ מִיט 4—5 קִינדעֶר. וועֶר עֶס דאַרף אָבּעֶר פון עֶרשטעֶן טאָג אָן זאָרגעֶן פאַר אַ גרעֶ־סעֶרעֶ צאָהל נפשות, פאַר אַ 10—11, ווי עֶס טרעֶפט זִיךְ אִין יודִישעֶ פאַמִילִיעֶס, דעֶר מוּז בּלײַבּעֶן אַנ'אײבּיגעֶר קבּצן.

## מֶען מוּז קָאָנֶען דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן לַאנְד.

דעֶר עֶמִיגראַנט דאַרף ווִיסעֶן און געֶדעֶנקעֶן, אַז עֶר פאָהרט אִין אַ לאַנד, וואוּ דעֶר גאַנצעֶר סדר פון לעֶבּעֶן און אַרבּײַטעֶן אִיז נִיט דעֶר, וואָס אִין לאַנד, וועֶלכעֶ עֶר פעֶרלאָזט. דאָרט אִיז אַנ'אַנדעֶר שפּראַך, אַנדעֶרעֶ אָרדנונגעֶן, אַנדעֶרעֶ אופנים פון אַרבּײַט, עֶרטעֶר-ווײַז אִיז אויך דעֶר קלִימאַט אַ גאַנץ אַנדעֶרעֶר. מעֶן קאָן זִיכעֶר זאָגעֶן, אַז דאָס רוב פעֶלעֶן, ווען דיַ עֶמִיגראַנטעֶן קאָנעֶן זִיךְ צוּ גאָר נִיט דעֶרשלאָגעֶן, נעֶהמעֶן זִיךְ דעֶרפון, וואָס זײַ האָבּעֶן זִיךְ דעֶרמִיט נִיט געֶרעֶכעֶנט, זײַ קומעֶן צוּפאָהרעֶן אִין אַ נײַ לאַנד גאָר נִיט צוגעֶגרײט צום נײַעֶם לעֶבּעֶן; זײַ ווִיסעֶן קײן וואָרט נִיט פון דעֶר שפּראַך; וואָס ווערט דאָרט געֶרעֶדט, שוין נִיט ווײַטעֶר אויסזעֶהן צײכעֶן זײַ זִיךְ אויס פון אַלעֶ אַנדעֶרעֶ. דעֶרפאַר קאָנעֶן זײַ נִיט פרײַ קאָנקורירעֶן מִיט דיַ אַנדעֶרעֶ אַרבּײַטעֶר און בּעלי־מלאכות אִין נײַעֶם לאַנד, זײַ קאָנעֶן זִיךְ צונויפרײדעֶן נאָר מִיט דיַ רוסִישעֶ יודעֶן, וואָס זעֶנעֶן פריהעֶר פאַר זײַ געֶקומעֶן, זעֶנעֶן

די זעלבע אָרימע לײַט, ווי זיי, און קאָנען זיי מיט גאַרניט העל־
פען. פאַר עמיגראַנטען פון אַנדערע אומות, ניט יודען, וואָס זענען,
אַפריהער בעקאַנט געוואָרען מיט דער שפּראַך און מיט די מנהגים
פון לאַנד, איז דאָס גאַנצע לאַנד אָפען, אומעטום קאָנען זיי זוכען
און האָפען צו געפינען אַרבײַט און חיונה, — און די רוסישע יודען
האָבען זיך אַלע צונויפגעקליבען אין איין אָרט: פון גאַנץ ענגלאַנד
האָבען זיי אויסגעקליבען איין לאָנדאָנער קוואַרטאַל, פון גאַנץ
אַמעריקאַ — איין ניו-יאָרקער קוואַרטאַל, מיט יאָהרען איז אין די
נײַע ערטער געוואָרען מיט זיי כמעט דאָסזעלבע, וואָס דאָרט, פון
וואַנען זיי זענען אַוועק: די זעלבע אָרימקייט, דחקות, שמוץ,
ניט האָבען קיין אַרבײַט און אַלגעמיינע פעראַכטונג.

מען דאַרף בעצײַטענס, נאָך אין רוסלאַנד, אָנהויבען זיך צו־
גרייטען צו די נײַע לעבענסבעדינגונגען. מען מוז זיך אויסלערנען
חאָטש די נייטיגסטע ווערטער און אויסדריקען אין דער שפּראַך
פון דעם נײַעם לאַנד, כדי די ערשטע צײַט ווי עס איז צונויפ־
רײַדען זיך דאָרט מיט וועמען מען דאַרף און ניט דאַרפען אָנקו־
מען צו די חסדים און טובות פון די אַלערהאַנד איבערזעצער און
מאַכערס, וואָס צו גוטס ברײַנגען זיי ניט די עמיגראַנטען. ווער
עס האָט אַ ביסעל אַ ידיעה אין לשון בײַם קומען צופאָהרען, וועט
גיך אויסלערנען די שפּראַך. ווער אָבער עס פאַלט אַרײַן צווישען
פרעמדע מענשען און הייבט זיי גאָר ניט אָן צו פערשטעהן, דער
קאָן אויפ'ן גאַנצען לעבען בלײַבען אַ שטומער אין דעם נײַעם
לאַנד. עס פערשטעהט זיך, אַז דער, וואָס ווייסט די שפּראַך, וועט
זיך פיעל גיכער אײַנאָרדנען אויפ'ן נײַעם אָרט, ווי דער וואָס
ווייסט זי ניט.

די עמיגראַנטען דאַרפען וויסען אַז אין צפון-אַמעריקאַ
(קאַנאַדאַ, פעראייניגטע שטאַטען), אין דרום-אַפריקאַ און אין גאַנץ
אויסטראַליען רעדט מען ענגליש, אין דרום-אַמעריקאַ (אַרגענטינאַ,
בראַזיליען) — רעדט מען שפּאַניש. מען קען בעקומען ביכלעך אויף
אויסצולערנען די נייטיגסטע ווערטער פון די בײדע שפּראַכען אין
צענטראַל קאָמיטעט פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס-געזעל־

שאַפט אין פּעטערבורג (Замятинъ пер. 4) אָדער בײַ די מורשים (בעפאָלמעכטיגטע) פון דער געזעלשאַפט אין פערשידענע שטעדט.

---

## מען דאַרף זיין ריין אָנגעטהון.

נים מינדער וויכטיג איז די פראַגע פון געהן ריין אָנגעטהון. די אָרימקייט און דחקות אין פערלויף פון פיעל דורות האָט געבראַכט דערצו, אַז געוויסע טיילען פון יודישען פאָלק זענען געוואוהנט געוואָרען צו געהן ניט אַזוי ריין אָנגעטהון. אין אַ נייעם לאַנד שפּיעלען אַזעלכע זאַכען אַ גרעסערע ראָלע, ווי דאָ, און אַ גרעסערע ראָלע, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. נאָכ'ן מלבוש דערקענט מען דאָרט אַ מענשען, איז פאַרהאַן אַ ווערטיל. ווען מען פערגלייכט דאָרט אונזערען אַנ'עמיגראַנט מיט אַ פּראָסטען אַרבייטער אַנ'ענגלענדער אָדער אַ דייטש, וואָס איז ריין אָנגעטהון, האָבען אונזערע אַנ'אויסזעהן פון פּראָים. איבער זייער ניט-ריינקייט וויל מען מיט זיי קיין עסקים ניט האָבען ניט נאָר די דאָרטיגע בעל-בתים, נאָר אויך די אַרבייטער און אַפילו די דאָרטיגע יודען. מען וויל מיט זיי צוזאַמען ניט פאָהרען, מען וויל מיט זיי צוזאַמען ניט אַרבייטען, און דער לעבענס-קאַמפּף, וואָס איז אַזוי' פאַר'ן עמיגראַנט אויך גענוג שווער אויף אַ נייעם אָרט, ווערט איבער דעם נאָך שווערער.

---

## מען טאָר ניט פאָהרען אָהן גענוג געלט.

דער, וואָס האָט ניט אַ חוץ הוצאות אויף'ן וועג, אויך אַ קליינע סומע געלד אויף צו לעבען די ערשטע צייט נאָכ'ן אָנקו־מען אויף'ן נייעם אָרט, דאַרף ניט פאָהרען. איצט קאָנען די עמיגראַנטען ניט האָפען, אַז אויף'ן וועג וועלען זיי קומען צו הילף קאָמיטעטען, חברות אָדער פּריוואַט-לייט. עמיגראַנטען אָהן געלד קאָנען, אין בעסטען פאַל, אַריינגענומען ווערען אין קאַזיאָנע נאַכט-הייזער און נאָכדעם אַרויסגעשיקט ווערען צוריק קיין רוס־

לאַנד. געלד אויף'ן וועג איז בעסער פאַר אַלץ צו נעהמען מיט זיך אין גאָלדענע מטבעות פון די לענדער, וועלכע מען פאָהרט דורך, און אויף דאָס געלד, וואָס מען האָט נייטיג אויף'ן אָרט, איז בעסער פאַר אַלץ צונעהמען אַנ'אָנווייזונג דורך אַ זיכערע באַנקירסקע קאָנטאָר. קיין רוסישע געלד דאַרף מען מיט זיך ניט נעהמען.

## דאָס בייטען געלד.

ביים בייטען געלד און ביים קויפען אַנ'אָנווייזונג דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג, וואָרום דערין ווערען אָפט געמאַכט גנבות. מען דאַרף זיך פאַר'ן בייטען נאָכפרעגען ביי אַ זיכערען מענש, ווי שטעהט איצט דער קורס. מען קאָן בייטען געלד אין די ספּעציעלע קאַסעס, וואָס זענען פאַרהאַן אין די באַהן-סטאַנציעס אויף די גרענעצען.

## ווען דאַרף מען פאָהרען?

די בעסטע צייט אויף אַוועקצופאָהרען ווענדט זיך אָן דעם, וואוהין און צו וואָס פאָהרט דער עמיגראַנט.

קיין צפון-אַמעריקאַ (אין די פערייניגטע שטאַאַטען קאַנאַדאַ) איז דאָס בעסטע קומען צופאָהרען אין פריהלינג. אויף איינצוקויפען ערד איז בעסער פאַר אַלץ אַרויסצופאָהרען פון איראָפּאַ אין מערץ אָדער אַפּריל; פאַר אַרבייטער, וואָס פאָהרען קיין צפון-אַמעריקאַ, איז די בעסטע צייט אויף אָבצופאָהרען — אָנפאַנג אַפּריל. בכלל קומט מען אין די דאָזיגע לענדער פון אַפּריל ביז אַויגוסט. ווינטער-צייט דאַרף מען קיין קאַנאַדאַ ניט פאָהרען, סיידען דער עמיגראַנט פאָהרט צו קרובים אָדער בעקאַנטע, וואָס וועלען זאָרגען פאַר איהם אָדער ער האָט אַזוי פיעל געלד, אַז ער קען אַ געוויסע צייט זיצען אָהן אַרבייט.

ווען מען פאָהרט קיין דרום-אַמעריקאַ, דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז דאָרט זענען די צייטען פון יאָהר פערקעהרט

ווי בײַ אונז: פון דעצעמבער ביז מערץ זענען די גרעסטע היצען, און פון ענדע מאי אדער אנפאַנג יוני ביז סעפּטעמבער גיסען רעגענס. דעריבער איז אַהין דאָס בעסטע קומען צו פאָהרען פריה אין פריהלינג, ענדע מערץ, אָדער אין סעפּטעמבער, כדי זיך לײַכטער צו געוועהנען צום קלימאַט. אָבער די צײַט אויף צו געפינען אַרבײַט אויף'ן פעלד איז בעת'ן שניט—פון ענדע נאָוועמ. ביז אָנהויב פעוראַל.

קײַן וועסט-אינדיען און צענטראַל-אַמעריקאַ איז דאָס בעסטע צו פאָהרען אין נאָיועמבער—דעצעמבער.

קיין דרום-אַפריקאַ קאָן מען פעהרען אַ גאַנץ יאָהר, נאָר בעסער פאַר אַלץ איז אין אויגוסט.

אין אויסטראַליען זענען די צײַטען פון יאָהר ווי אין דרום-אַמעריקאַ, פערקעהרט ווי בײַ אונז. אַרבײַט איז גרינגער צו געפינען פאַר'ן אָנהויב זומער, ווען מען הויבט אָן אָראָבנעהמען פון די פעלדער און שערען די שעפּסען. די זומער-חדשים זענען דאָרט דעצעמבער, יאַנואַר און פעברואַר. אין די פראָווינצען נײַ-דרום-וועלס און וויקטאָריאַ איז בעסער פאַר אַלץ קומען צו פאָה- רען פון מאַי ביז סעפּטעמבער, אין קווינסלענד—פון אַפּריל ביז יולי, אין דרום אויסטראַליען—פון מאַי ביז אָקטאָבער. אין מערב- אויסטראַליען—מערץ. אין טאַסמאַניאַ—פון דעצעמבר ביז מאַי. און אין נײַ-זעלאַנד פון סעפּטעמבר ביז פעברואַר.

---

## וואוהין פָאהרען?

די שווערסטע פראַגע בײַם עמיגרירען איז — וואוהין צו פאָהרען? מען קאָן ניט געבען קײַן בעשטימטען אַלגעמיינעם ענטפער אויף די פראַגע, ווארום דאָס ווענדט זיך פון עמיגראַנט, מיט וואָס בעשעפטיגט ער זיך און בײַ וועלכע בעדינגונגען עמיג- רירט ער. אַ חוץ דעם בײַט זיך זעהר אָפט די לאַגע אין די פערשידענע לענדער. נאָר ווען אַפילו אימיצער יואָלט אויף דאָס גענויסטע געוואוסט די תנאים פון אַרבײַט אין דעם אָדער יענעם

לאַנד און ווען ער וואָלט אויך געגוי געוואוסט די פּעהיגקייטען פון עמיגראַנט און ווי ער קאָן אַרבייטען—וואָלט ער איהם פאָרט ניט געקאָנט אויף ריכטיג אָנווייזען, וואוהין ער זאָל פאָהרען. דאָס איז אַ זאַך, וואו עס מוז שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע דער צופאַל, און שטענדיג שטעקט דערין אַ ריזיקע. די לאַגע קאָן זיך ענדערן, עס קאָן זיך אַרויסשטעלען, אַז איבער זיינע פּערזענליכע מעלות פאַסט ניט דער עמיגראַנט דאָרט, וואוהין ער איז געקומען, — און חאָטש אַלץ, דאַכט זיך, איז געוועזען אַזוי זיכער אויסגערעכענט, קאָן דער עמיגראַנט אַ לאַנגע צייט בלייבען זיצען אָהן אַרבייט.

דאָ וועלען מיר געבען נאָר איניגע אַלגעמיינע בעמערקונגען וועגען דעם, וואוהין צו פאָהרען.

מען דאַרף עמיגרירען נאָר אין די לענדער, וואָס געפינען זיך ניט אין איראָפּאַ. אין איראָפּאַ קאָנען זיך די עמיגראַנטען איינאָרדנען נאָר אין אויסנאַהם-פעלען. דערהויפּט דאַרף מען ניט פאָהרען קיין לאָנדאָן. אין פערלויף פון די לעצטע 20 יאָהר האָט זיך דאָרט צונויפגעקליבען אַ גרויסע מאַסע אָרימע יודען פון רוס־לאַנד; דאָס רוב לאָנדאָנער יודען לעבען איצט אין גרויס אָרימ־קייט, און אויף געפינען דאָרט אַ שטענדיגע אַרבייט האָט דער עמיגראַנט ניט וואָס צו האָפען.

ניט בעסער איז די לאַגע אויך אין ניו-יאָרק. אין דער שטאָדט געפינען זיך איצט ניט ווייניגער ווי 600,000 יודען, דערהויפּט פון רוסלאַנד. דער דלות צווישען זיי איז זעהר גרויס. פאַר רוסישע יודען איז ניטאָ מעהר קיין אָרט ניט אין לאָנדאָן און ניט אין ניו-יאָרק. אַלע פאַבען, מיט וועלכע יודען פערנעה־מען זיך געוועהנליך, זענען שוין איבערפילט, און קיינער וואָלט אַהין מעהר ניט געדאַרפט פאָהרען, סיידען אַזעלכע, וואָס האָבען דאָרט נאָהענטע קרובים, וועלכע וועלען זאָרגען פאַר זיי. אויך אין אַזעלכע פעלען דאַרף מען זיך ניט פערלאָזען אויף סתם גוטע בריעף וועגען לאַנד: עס קאָן זיין, אַז מיט דעם, וואָס שרייבט וועגען די גליקען, איז געשעהן אַ גליק גאָר צופעליג, און ניט אַלע מאָל טרעפען זיך אַזעלכע צופעליגע גליקען. איינער האָט

זיךְ גוּט אַײנגעאָרדענט אִין אַ לאַנד, אוּן פאַר מענשען מִיט אַנ'אַנדער פאַךְ קאָן זײַן, דאָס לאַנד זאָל גאָר נִיט טױגען.

בּײַ אַללעם דעם קאָנן מען נִיט אָבּלײַקענען אַז נאָרד-אַמעריקע בּכלל אוּן דִי פערײניגטע שטאַאַטען בּפרט װעלען נאָךְ לאַנג קעננען געדעכענט װערען פאַר דאָס בּעסטע לאַנד װאוּ אַ יוּד קאָן עמיגרירען. דאָרט אִיז נאָךְ דאָ גענוּג פּלאַץ פאַר פִילע מיליאָנען מענשען אוּן נִיט װײניג הענד קענען גאָךְ געפִינען אַרבּײַט אִין דאָרטיגע גרױסע פאַבּריקען, אִין דִי רײַכע האַנדעלסשטעדט. אָט מאַקִי גאָר נאָהענט פוּן ניו-יאָרק קאָנן מען אָנװײַזען אױף עטליכע גרױסע שטאַרקבּעזעצטע שטעדט װִי צוּם בּײַשפִּיל דִי שטאָדט בּוּפפאַלאָ מִיט 350,000 אַײנװאָהנער אוּן זעהר רײַכע פאַבּריקען, ראָטשעסטער װאוּ עס אִיז דאָ בִּיז 180,000 אַײנװאָהנער אוּן װעלכע עס אִיז בּעװאוּסט מִיט אִיהרע גרױסע בּיערבּרײַער אוּן נאָךְ אַנדערע... אִינ'ם שטאַאַט פּענסילװאַניאַ אִיז דאָ אַ גרױסע שטאָדט פִּיטטסבּוּרג װאוּ עס געפִינען זיךְ אוּנגעהײַער גרױסע אַײזענפאַבּריקען אוּן שטאָלגיססערײַען; אִינ'ם שטאַאַט מאַססאַטשוּשעטס געפִינען זיךְ נאָךְ צװײ מערקװירדיגע שטעדט: Fall River אוּן Lowell װאוּ עס אִיז זעהר ענטװיקעלט דִי בּאַומװאָל מאַנוּפאַקטוּר, אוּן אוֹיךְ דִי שטאָדט Lynn װאוּ עס װערט אױסגעאַרבּײַט זעהר פִיעל שוּכװאַרג, אִינ'ם שטאַאַט ראָד-אַײלענד אִיז דאָ אַ שטאָדט Proviodence, װעלכע עס צײכענט זיךְ אוֹיס מִיט אִיהרע גאָלד-אַרבּײַט; אִין מִיטשיגאַן האָט אִיהר דִי שטאָדט Detroit מִיט 300,000 אַײנװאָהנער װאָס פִיהרט גרױסע געשעפטען אוּן בּעזִיטצט פִיעלע גרױסע דאַמפפשיפגעזעלשאַפטען. מאַססען בּעל מלאכות װערען פערבּרױ'כט אִינ'ם שטאַאַט אִיללינױס אוּן נִיט נאָר אִין דער הױפּטשטאָדט טשיקאַגאָ, נאָר אִין דִי אַרומיגע שטעדטלאַךְ, אױף דער פּראָװינץ. דאָס זעלבּע קענן מען זאָגען פוּן דִי שטאַאַטען Delaware װאוּ עס אִיז דאָ זעהר פִיעל װײַנגערטנער אוּן פרוּכטגערטנער אוּן Georgia װאוּ עס געפִינען זיךְ פִיעל גלאָז הוּטעס אוּן קאַרטוּנפאַבּריקען, אוּן נאָךְ פוּן פִיעל אַנדערע שטאַאַטען. פאַר גוּטס-בּעזִיצער אוּן ערד-אַרבּײַטער זענען

זעהר וויכטיג די שטאאטען וועלכע ליגען אין דעם טייל פון נארד-אמעריקא וואס מען רופט געוועהנליך „מיטעל-מערב", צום ביישפיעל Jndiana, Jowa, Missouri, Kansas, Nebraska און נאך אנדערע.

שוין פון דעם קורצען רייסטער פון שטעדט און פראווינ־צען, אין וועלכען עס זענען אין גרונד דא וועניג נייע אונבע־קאנטע נעמען, איז לייכט ארויסצוזעהן אז ניו-יארק איז דורכאויס ניט דער איינציגער פלאץ אין נארד-אמעריקא וואו מען קען גע־פינען גליק. מען דארף ניט פערגעסען אז עס איז נאך דא קא־נאדא און דרום-אמעריקא (ארגענטינא, בראזיליע און דערגלייכען), מעקסיקא און איוסטראליע, חאטש עס איז אמת אז די לעצטע לענדער זענען שוין ניט אזוי צוציהענד פאר א יודישען עמיגראנט מחמת זייער וויטקייט און זייער הייסען קלימאט און נאך אנדערע אומשטענדע.

אין די אללע לענדער קען א יודישער עמיגראנט געפינען יודען און בכן אויך אלץ וואס ער האט נייטיג סיי צו זיין רעליגי־יאן, סיי צו זיין מאראלישער אויסבילדונג.

בכלל דארף מען ביים אויסקלייבען א לאנד אויף צו פאה־רען, ניט פערלאזען זיך אויף בריעף; מען דארף גוט בעקלערען און בעטראכטען די זאך. די וועלט איז גרויס, א מיליאן מענשען פאהרען ארויס יאהר-יעהרליך פון איירא פא און צושפרייטען זיך איבער דער גאנצער וועלט. אזוי ווי אלע וועלען זיך אויך יודען קאנען איינארדנען אויף נייע ערטער, אויב זיי וועלען נאר פאה־רען וואוהין מען דארף. יודען פאהרען בכלל נאר אין אזעלכע לענדער, וואו עס וואוינען שוין יודען, ווארום אין אנדערע ערטער וועלען זיי ניט געפינען דאס, וואס זיי האבען נייטיג, ניט קיין בתי-מדרשים, ניט קיין כשר פלייש, און אויך ניט די מאראלישע שטיצע, וואס איז אזוי וויכטיג דעם נייעם עמיגראנט באלד נאכ'ן אנקומען. יודען זענען אבער כמעט אומעטום פאראהן, און דאס איז בכן קיין מניעה ניט.

די לאגע אין פערשידענע לענדער איז אין אלע פרטים

אַ פערשידענע: דער קלימאַט, די אַרטען אַרבייט, די מקחים פון לעבענס-מיטלען, די אופנים פון אַרבייט זענען אומעטום אַנדערע, דעריבער דאַרף מען פאַר'ן אַוועקפאָהרען צונויפקלייבען די גענויסטע און לעצטע ידיעות וועגען לאַנד. דערהויפט דאַרף מען זעהן ניט צו בעקומען קיין אַלטע ידיעות, וואָרום די לעצטע צייט ווערען זעהר אָפט אַרויסגעגעבען נייע תקנות וועגען דעם אַריינפאָהר פון עמיגראַנטען. עס טרעפט זיך זעהר אָפט, אַז דער עמיגראַנט ווייסט ניט די לעצטע תקנות, מאַכט אַ לאַנגע נסיעה, פערליערט פיעל געלד און צייט און מוז נאָכדעם פאָהרען צוריק. (די געזעצען, וואָס גילטען אין פערשידענע לענדער פאַר עמיגראַנטען, ברייגען מיר אויף די זייטע 38).

# דער וועג.

נאָכדעם ווי דער עמיגראַנט האָט זיך אויסגעקליבען אַ לאַנד, וואוהין ער פאָהרט, דאַרף ער זעהן בעשטימען דעם וועג, ווי אַזוי ער וועט פאָהרען אַהין. אויך די זאַך דאַרף דער עמיגראַנט ווי געהעריג בעטראַכטען. אין יעדען איינצעלנעם פאַל דאַרף די זאַך בעזונדער בעטראַכט ווערען, קיין פאַרטיגע מאַרשרוטען פאַר אַלעמען אויף שטענדיג קאָן מען ניט צונויפשטעלען. צוערשט דאַרף דער עמיגראַנט בעטראַכטען, מיט וואָסער שיפס-געזעלשאַפט לוינט איהם בעסער פאַר אַלץ צו פאָהרען. כמעט אין אַלע לענדער קאָן מען פאָהרען מיט פערשידענע „ליניעס" (דאָס הייסט שיפען פון פערשידענע געזעלשאַפטען): ענגלישע, וואָס געהען פון ליווערפאָל, לאָנדאָן, סויטהעמפטאָן, האָלענדישע—פון ראָטערדאַם, בעלגישע — פון אַנטווערפען, דייטשע — פון ברעמען און האַמבורג, אונגאַרישע—פון פיומע און אויך איטאַליענישע—פון גענואַ. ביים אויסקלייבען איינע פון די דאָזיגע ליניעס דאַרף מען פיעל זאַכען האָבען אין זינען. קודם כל זענען די מקחים פון די שיפסקאַרטען ניט גלייך אויף אַלע ליניעס: דאַרף מען אויסקלייבען די ביליגסטע; צווייטענס, דויערט דאָס אַריבערפאָהרען מיט אַנדערע שיפען אַ פאָר טעג מעהר, מיט אַנדערע וועניגער. פאַרהאַן אַזעלכע

עֶמִיגראַנטעֶן, וואָס פאַר זיִי איז דאָס העֶכסט וויִכטיִג. געֶזונדעֶ מעֶנשעֶן קאָנעֶן פאָהרעֶן מיִט דיִ בּיִליגעֶ שיִפעֶן, וואָס זעֶנעֶן ניִט אַזוֹי גוט איינגעֶאָרדנעֶט און וואו מעֶן זאָרגט ניִט אַזוי פאַר'ן פּאַסאַזשיִר. פאַר אַנדעֶרעֶ אָבּעֶר איז עֶס אַ וויִכטיִגעֶר ענין, בּפרט פאַר אַזעֶלכעֶ, וואָס פאָהרעֶן מיִט קלײנעֶ קיִנדעֶר [1]. פאַרהאַן אַזעֶלכעֶ, וואָס רעֶכעֶנעֶן פאַר אַ מעלה, ווען זיִי קעֶנעֶן זיִך צונויפריידעֶן מיִט דיִ שיִפס-לײַט און פאָהרעֶן דעֶריִבּעֶר מיִט דיִ דײַטשעֶ שיִפעֶן. וויִכטיִג איז אויך מעֶן זאָל ניִט האָבּעֶן קײַן „פעֶרעֶסאַדקעֶס", און דאָס בּעֶסטעֶ איז צו פאָהרעֶן מיִט אַ שיִף, וואָס געֶהט דיִרעֶקט אין דיִ פּאָרט-שטאָדט, וואוהיִן דעֶר עֶמיִגראַנט דאַרף פאָהרעֶן.

אויסקלויבּעֶן דיִ ליִניִעֶ הײסט אויסקלויבּעֶן אויף דיִ שטאָדט, וואו דעֶר עֶמיִגראַנט וועֶט זיִך זעֶצעֶן אויף'ן שיִף. פון רוסלאַנד קאָן מעֶן פאָהרעֶן אי מיִט'ן ים, אי מיִט'ן בּאַהן, מיִט'ן ים—איִבּעֶר ליִבּוי, ריִגאַ אָדעֶר אָדעֶס, מיִט'ן בּאַהן—איִבּעֶר דיִ עֶסטרײַכיִשעֶ אָדעֶר פּרײַסיִשעֶ גרעֶניִץ. בּײַם אויסקלויבּעֶן אַ גרעֶניִץ דאַרף מעֶן האָבּעֶן אין זיִנעֶן דיִ עֶסטרײַכיִשעֶ און דײַטשעֶ תקנות פאַר עֶמיִגראַנטעֶן, וואָס פאָהרעֶן איִבּעֶר דיִ דאָזיִגעֶ לעֶנדעֶר, ווי אויך דיִ מקחים פון דיִ שיִפס-קאַרטעֶן, וואָס בּײַטעֶן זיִך שטעֶנדיִג, מיִט דיִ צײַטעֶן פון יאָהר און פיִעל אַנדעֶרעֶ בּעֶדיִנגונגעֶן. זעֶהר אָפט קומעֶן צום עֶמיִגראַנט ניִט געֶבּעֶטעֶנעֶ עֵצה-געֶבּעֶר, וואָס זעֶנעֶן פאַר־אינטעֶרעֶסיִרט, דעֶר עֶמיִגראַנט זאָל פאָהרעֶן מיִט אַ געֶוויִסעֶר ליִניִעֶ. זיִי לויבּעֶן איִהם דיִ דאָזיִגעֶ ליִניִעֶ און אָפּטמאָל פאַלט דעֶר עֶמיִגראַנט אַרײַן איִבּעֶר דעֶם אויף אַ שיִף, וואָס טויגט גאָר ניִט פאַר איִהם.

---

[1]) געגען די ים-קראנקהייט איז ניטא קיין ריכטיגע מיטלען. מען דארף זיך ניט שרעקען פאר איהר. קיין שלעכטס קומט פון איהר ניט ארויס, און ווי מען געהט אראב פון שיף, ווערט מען געזונד. כדי מען זאל ניט קראנק ווערען, דארף מען ניט עסען קיין סך, און אז מען זעצט זיך אויפ'ן שיף, דארף מען זיין ניט הונגעריג און ניט קיין סך אנגעגעסען. אין אנהויב פאהרען דארף מען וואס מעהר זיין אויף דער פּאַלובּע און עטעמען פרישע לופט, און ווען עס קומט די קראנקהייט, דארף מען מעהר ליעגען אויפ'ן רוקען, וואַרים ארומגעבונדען (מיט פלאַנעל) די בויך.

## שִׁיפְּס־קַאַרְטֶען.

מעֶן מוז זאָגעֶן אַ פּאָר ווערטעֶר אויךְ וועֶגעֶן די עֶמיִגראַנטעֶן, וואָס דאַרפעֶן זיךְ אַלייִן קייַן מאַרשרוט ניִט צונויפשטעֶלעֶן, וואָרום די קרובים זייעֶרעֶ אָדעֶר בעֶקאַנטעֶ האָבעֶן זיי צוגעֶשיִקט אַ בעֶצאָהלטעֶ שיִפס־קאַרטעֶ („פריִפּעֵד", ווי דאָס רופט זיךְ אָן אויף עֶנגליִש). די, וואָס בעֶקומעֶן אַזעֶלכעֶ „פריִפּעֵד'ס", דאַרפעֶן געֶדעֵנקעֶן פאָלגעֶנדעֶס: איִן אַמעֶריִקאַ ווערעֶן איצט געֶמאַכט די גרעֶסטעֶ אָבנאַרעֶרייַעֶן מיִט די דאָזיִגעֶ „פריִפּעֵד'ס", עֶס ווערעֶן זעֵהר אָפט פעֶרקויפט פאַלשעֶ שיִפס־קאַרטעֶן, וואָס זיי האָבעֶן קייַן שום ווערטה ניִט. אַ חוץ דעֶם פעֶרקויפט מעֶן אַזעֶלכעֶ „פריִפּעֵד'ס" אויף אויסצוצאָהלעֶן, און עֶס קאָן אַזוי טרעֶפעֶן: די שיִפס־קאַרטעֶ געֶפיִנט זיךְ שוין איִן די העֶנד פון עֶמיִגראַנט איִן רוסלאַנד, דעֶר אַמעֶריִקאַניִשעֶר קרוב, וואָס האָט זי צוגעֶשיִקט, האָט אָבעֶר ניִט איינגעֶצאָהלט צו דעֶר צייַט די פעֶליִגעֶ ראַטעֶ, שרייַבט מעֶן אַרייַן פון אַמעֶריִקאַ דעֶר שיִפס־געֶזעֶלשאַפט איִן אֵייראָפּאַ, אַז די שיִפס־קאַרטעֶ איז ניִט גיִלטיִג. דעֶריִבעֶר מוז דעֶר עֶמיִגראַנט, וואָס האָט אַזאַ „פריִפּעֵד", נאָךְ פאַר'ן אָבפאָהרעֶן אָנפרעֶגעֶן מיִט אַ בריִעף די שיִפס־געֶזעֶלשאַפט, וואָס אויף איהרעֶן אַ שיִף איז אַרויסגעֶגעֶבעֶן דעֶר „פריִפּעֵד", צו איז עֶר גיִלטיִג, דאָס הייסט: צו קאָן מעֶן מיִט איהם פאָהרעֶן און ווען. מיִט אַזאַ אָנפראַגעֶ קאָן מעֶן פעֶרשפּאָרעֶן פיִעל מיִה און צייַט און געֶלד.

---

## מֶען דַארְף זִיךְ הִיטֶען פַאר אַגֶענְטֶען.

די וואָס האָבעֶן ניִט קייַן פאַרטיִגעֶ שיִפס־קאַרטעֶן, דאַרפעֶן בעֶקלעֶרעֶן וואו און ווי אַזוי צו קויפעֶן אַ שיִפס־קאַרטעֶ. דאָ מוזעֶן מיר זיךְ אָבשטעֶלעֶן אויף אֵיין צרה, וואָס האָט זיךְ אַיינגעֶוואָרצעֶלט איִן דעֶר יודיִשעֶר עֶמיִגראַציִעֶ איִן רוסלאַנד, אַ צרה, וואָס זי איז אֶפשר די גרעֶסטעֶ פון אַלעֶ. מיר רעֶדעֶן וועֶגעֶן די אַגעֶנטעֶן, וואָס דעֶר גאַנצעֶר יודיִשעֶר תחום איז פול מיִט זיי. זיי

געהען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון שטעדטיל צו שטעדטיל, פון גאַס צו גאַס און זוכען זיך אומעטום אויס קונדען. ניטאָ אַזאַ ליגען, וואָס זיי זאָלען ניט אָנדערצעהלען דעם עמיגראַנט, ניטאָ אַזאַ גנבה, פאַר וועלכער זיי זאָלען זיך אָבשטעלען. זיי טראַכטען אויס סכנות, וואָס זענען גאָר ניט בנמצא, אַבי אַראָבצורייסען פון עמיגראַנט נאָך אַ ביסעל געלד; עמיגראַנטען, וואָס האָבען די מעגליכקייט אַרויסנעהמען אַ גובערנאַטאָרסקען פאַס, רייידען זיי אָן גנב'נען די גרעניץ. זיי מאַטערן אויס די עמיגראַנטען עטליכע טעג און נעכט און וואַרפען זיי נאָכדעם אַוועק אין מיטען וועג אָהן עסען און אָהן נאַכטלאַגער. זיי מאַכען פעסער פאַר די, וואָס ווילען דוקא האָבען אַ פאַס, און נעהמען אָב דריי מאָל אַזוי פיעל, ווי עס האָט געקאָסט. אָבער צום אֶמת'ן בעגזל'ענען זיי דעם עמיגראַנט ערשט ביים פערקויפען די שיפס-קאַרטע. קיין זאַך שטעלט זיי ניט אָב, אַבי אַרויסנאַרען נאָך אַ פּאָר גראָשען פון עמיגראַנט. אַנ'עמיגראַנט מיט אַ פרוי און קליינע קינדער נייט מען פאָהרען מיט'ן ים אַנ'איבעריגע וואָך און פערדוקט זיי אויפ'ן שיף אין אַ לאָך, וואָס איז ערגער ווי דער קבר. מען פערקויפט דעם עמיגראַנט בילעטען ביז ניו-יאָרק און מען פיהרט איהם אַוועק נאָר ביז אַנטווערפען און וואַרפט איהם דאָרט אַוועק אונברחמנות'דיג אין מיטען גאַס, אָדער אַנשטאָט ברייננגען דעם אָרימען און ניט געניטען עמיגראַנט קיין הול, זעצט מען איהם אַרויס אין ראָטערדאַם. מען נעהמט פון דעם אונוויסענדען עמיגראַנט דריימאָל וויפיעל די שיפס-קאַרטע קאָסט. אָדער מען מאַכט אַזאַ גנבה: מען פערקויפט דעם עמיגראַנט די שיפס-קאַרטע פאַר אַ העלפט געלד און מען זאָגט איהם ניט אויס, אַז ביים זעצען זיך אויפ'ן שיף וועט ער דאַרפען צוצאָהלען די איבעריגע געלד. דער עמיגראַנט ווייסט פון גאָרניט און אָפטמאָל האָט ער גאָר ניט מיט וואָס צו בעצאָהלען און בלייבט אין מיטן וועג. די אַלע ביישפּילען, וואָס מיר האָבען דאָ געבראַכט, זענען ניט אויסגעטראַכט, זיי זענען גענומען פון לעבען, און נאָך אויף טויזענדער אַזעלכע גנבות און גזלות פון די אַגענטען וואָלטען מיר געקאָנט אָנווייזען.

וויפיעל מיר זאָלען ניט ריידען און מזהיר זיין די עמיגראַנטען, זיי זאָלען ניט האָבען צו טהון מיט די אַגענטען און זייערע העלפער, איז עס אַלץ וועגיג: אויסווייַכען דאַרף מען זיי. כדי זיך צו פערהיטען פון אָבנאַרערייען דאַרף מען זיך ווענדען נאָך עצות און ידיעות נאָר צו די קאָמיטעטען און מורשים פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט. אַ צעטעל פון די שטעדט, וואו עס געפינען זיך אַזעלכע קאָמיטעטען און מורשים וועט פון צייט צו צייט אָבגעדרוקט כדי אַלע זאָלען דאָס קענען וויסען.

---

## אַ אויסלענדישער פּאַס.

דער עמיגראַנט דאַרף אַליין אַרויסנעהמען פאַר זיך אַ פּאַס און צו קיינעם ניט אָנקומען און ניט צאָהלען דערפאַר קיין איבעריגע געלד. ער דאַרף אַליין אַרויסנעהמען פון פּאָליציי אַ פּאַפּיר, אַז פּאָליציי האָט ניט געגען דעם ער זאָל אַרויספאָהרען קיין אויסלאַנד. אויף צו בעקומען אַזאַ פּאַפּיר (אודאָסטאָווערעניע) גיט מען אָן אין פּאָליציי אַזאַ בקשה (מיט צוויי גערבאָווע מאַרקעס צו 75 קאָפּ'):

В (такое-то) Полицейское Управленіе.
(Такого-то: званіе, имя, отчество, фамилію и полный адресъ просителя).

ПРОШЕНІЕ.

Имѣя намѣреніе выѣхать за границу, покорнѣйше прошу выдать мнѣ установленное ст. 165 устава о пасп. (изд. 1903 г.) удостовѣреніе о неимѣніи со стороны полиціи препятствій къ выдачѣ заграничнаго паспорта мнѣ (съ женою моею (имя) и дѣтьми (имена),

דעם פּאַפּיר פון פּאָליציי צוזאַמען מיט'ן געוועהנליכען פּאַס דערלאַנגט מען אָדער מען שיקט פּער פּאָסט דעם גובערנאַטאָר מיט אַזאַ בקשה:

Его Превосходительству Господину (такому-то) Губернатору.

(Такого-то: званіе. имя, отчество, фамилія и адресъ просителя).

ПРОШЕНІЕ.

Представляя при семъ полицейское удостовѣреніе и (такіе-то документы), покорнѣйше прошу Ваше Превосходительство выдать заграничный паспортъ мнѣ (съ женою моею (имя) и дѣтьми (имена).

אויף די בקשה דאַרף מען אָנקלעפּען 2 גערבאָוויע מאַרקעס צו 75 קאָפּ׳ און צולעגען געלד אויפ׳ן פּאַס אָדער אַ קוויטאַנציע פון קאַזנאַטשייסטוואָ, אַז מען האָט אַהין אַרייַנגעטראָגען דאָס געלד (סוחרים און בעלי-מלאכות. וואָס שטעלען צו אַ פּאַפּיר פון אופּראַווע), צאָהלען פאַר אַ פּאַס 10.50 רובל, אַלע אַנדערע 20 רובל).

די יודישע קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט „יק״אַ“ קאָן אין געוויסע פעלען געבען דעם עמיגראַנט פאָלגענדע הנחות. אויב דער עמיגראַנט ערפילט אַלע פאָדערונגען, וואָס ווערען געשטעלט די עמיגראַנטען בייַם אַרייַנפאָהר, און אויב ער קאָן, אַ חוץ דעם, אויפווייַזען דעם מורשה פון „יק״אַ“, אַז ער איז זיכער, דאָס ער וועט זיך אייַנאָרדנען אויפ׳ן נייַעם אָרט, קאָן דער מורשה, מיט דער ערלויבניס פון צענטראַל-קאָמיטעט, אַרויסגעבען דעם עמיגראַנט אַנשטאָט אַ פּאַס אַ בעזונדער אומזיסטע „וויחאָדנאָיע סווידעטעלסטוואָ“. האָבענדיג אַזאַ סווידעטעלסטוואָ, ווערט דער עמיגראַנט, אויב ער איז אָרים, בעפרייַט פון אַלע שטראָפען און נעדאָימקעס, ער ווערט בעפרייַט אין געוויסע פעלען פון שטעלען זיך צום פּריזיוו, און אַ חוץ דעם צאָהלט ער אויף די רוסישע באַהנען אַ פערט-חלק פון דעם פּרייַז פון די בילעטען. דער עמיגראַנט, וואָס פאָהרט אַרויס מיט אַ „וויחאָדנאָיע סווידעטעלסטוואָ“ טאָר צוריק קייַן רוסלאַנד ניט קומען. עס איז זעהר נייטיג צו וויסען אַז אַזאַ „וויחאָדנאָיע סווידעטעלסטוואָ“ ווערט

אַרויסגעגעבען נאָר אַזאַ עמיגראַנט וואָס פאָהרט אַרויס מיט זיין גאַנצע הויזגעזינד.

אויב דער עמיגראַנט קויפט אַ שיפס-קאַרטע אין די ספּעציעלע קאָנטאָרען, וואָס האַנדלען דערמיט, אין ליבוי און אַנדערע שטעדט דאַרף ער דערביי האָבען אין זינען פאָלגענדעס: (מיר רעדען דאָ וועגען בעשטעטיגטע קאָנטאָרען, און ניט וועגען די אַגענטען און זייערע העלפער, וואָס מיט זיי דאַרף מען קיין שום עסק ניט האָבען, וואָרום פון זייערע גנבות איז זיך אונמעגליך צו פערהיטען). די בעקוועמליכקייט, זיכערקייט און ריינקייט בשעת'ן פאָהרען אין ים ווערט ביז אַ געוויסער מדרגה געזיכערט דורך די געזעצען פון די לענדער, וואו דער עמיגראַנט זעצט זיך אויפ'ן שיף. די ענגלישע, דייטשע, האָלענדישע און בעלגישע געזעצען בעשטימען זעהר אויספיהרליך אַלץ, וואָס דער עמיגראַנט האָט רעכט צו פאָדערן אין וועג, וואָס פאַר אַנ'אָרט מען דאַרף איהם געבען אויפ'ן שיף, ווי גרויס און ברייט עס דאַרף זיין דער נאַכטלאַגער זיינער, וואָס און וויפיעל מען דאַרף איהם געבען עסען א. ז. וו.. אין רוסלאַנד זענען אַזעלכע געזעצען ניטאָ, און דער עמיגראַנט איז מחויב אַליין צו זאָרגען פאַר זיך. דעריבער דאַרף ער ביים קויפען די שיפס-קאַרטע אויסנעהמען פאָלגענדע תנאים (זיכערער איז, די בעדינגונגען זאָלען זיין אָבגעדרוקט אויף דער שיפס-קאַרטע אָדער אָנגעשריבען):

1) ווען דער עמיגראַנט קומט אין די פּאָרט-שטאָדט, וואו ער דאַרף זיך זעצען אויפ'ן שיף, דאַרף מען איהם אָבשיקען מיט'ן ערשטען שיף פון דער ליניע, וואָס וועט אַוועקגעהן.

2) די טעג, וואָס דער עמיגראַנט וועט וואַרטען אויפ'ן שיף, דאַרף דער עקספּעדיענט, (וואָס האָט איהם פערקויפט די שיפס-קאַרטע), אויסהאַלטען איהם אויף זיינע הוצאות אין דער אַכסניה פאַר עמיגראַנטען.

3) אויפ'ן שיף דאַרף דער עמיגראַנט האָבען דאָס רעכט צו זיין אויף דער פּאַלובע און אַ חוץ דעם דאַרף ער האָבען אַנ'אָרט אין דעם „צווישענדעק", צווישען די פּאַלובעס. עס דאַרפען דאָרט

זײַן בעזונדערע אָבטײלונגען פאַר פֿאַמיליעס, פאַר מאַנסבילען, וואָס פאָהרען אַלײן. דעם עמיגראַנט דאַרף מען לאָזען זיך בענוצען מיט דער קיך און געבען וואַסער וויפיעל ער בעדאַרף; אַ חוץ דעם דאַרף יעדערן אַרויסגעגעבען ווערען אויפ׳ן וועג געשיר.

4) בשעת דער נסיעה אין ים דאַרף דער עמיגראַנט אומזיסט בעקומען עסען, וויפיעל אַ מענש דאַרף געוועהנליך האָבען.

5) אויף יעדען שיף, וואָס פיהרט עמיגראַנטען, דאַרף זײַן אַ דאָקטאָר אויף אומזיסט צו היילען די קראַנקע.

---

## באַגאַזש.

יוויכטיג איז אויך צו וויסען, וואָס און ווי אַזוי צו פיהרען. מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך צופיעל זאַכען, ווי עס טהוען פיעל יודישע עמיגראַנטען. דאָס פיהרען זיי, דערהויפט מיט די באַהנען און דאָס איבערפיהרען פון באַהן צום שיף קאָסט זעהר טײַער און פערשאַפט דעם עמיגראַנט אַ סך מיה און כלאָפּאָט. מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך קײַן נײַע ניט געטראָגענע און ניט-געניצטע זאַכען, וואָרום פאַר זיי קאָן מען נעהמען פאָשלינע. וועש דאַרף מען נעהמען מיט זיך נאָר ריינע, געוואַשענע און געפלעטע. אויפ׳ן וועג דאַרף מען נייטיג האָבען אַ וואָלענע קאָלדרע, אַ לאַקען און ציכלעך. מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך קײַן זאַכען וואָס פערנעהמען אַ סך אָרט און אַזעלכע, וואָס קאָנען זיך צוברעכען אויפ׳ן וועג, ווי כלים צו דער מלאכה אָדער צו ערד-אַרבײַט, וואָרום פאַר דאָס געלד, וואָס זיי קאָסטען דאָ און וואָס דאָס אַריבערפיהרען וועט אָבקאָסטען, קאָן מען זיי געווים קויפען דאָרט אויפ׳ן אָרט און אפשר נאָך ביליגער. אויך דאַרף מען ניט נעהמען מיט זיך קײַן מעבעל, ווי למשל טישען, שטולען, בעטען, וואָס לעגען זיך ניט צונויף, בכלל זאַכען, וואָס פאַרנעהמען אַ סך אָרט. מען טאָר ניט פיהרען אַלס באַגאַזש קײַן סחורות. וואָרום פאַר סחורות איז פאַרהאַן אַ בעזונדער טאַריף. טײַערע זאַכען

דאַרף מען אָבגעבען אויף אַ צעטעל דעם קאַפּיטאַן פון שיף אָדער
דעם קאָזנאַטשיי און דערפאַר בעצאָהלט מען אַ געוויסע סומע.

דעם באַגאַזש דאַרף מען איינטיילען אין צוויי חלקים: בעַ=
זונדער דאַרף מען פעַרפאַקען די זאַכען, וואָס מען וועט זיי דאַר=
פען האָבען ערשט נאָך׳ן אָנקומען אויף׳ן אָרט, און ווידער בעַ=
זונדער די זאַכען, וואָס מען מוז זיי געברויכען אויף׳ן וועג. די
זאַכען וואָס אויף׳ן וועג דאַרף מען זיי ניט האָבען, דאַרף מען גוט
פעַרפאַקען אין קאַסטענס, טשעמאָדאַנעס, אָדער אויף אַנ׳אַנדער
אופן אַזוי, אַז קיין וואַסער זאָל ניט דורכגעהן און מען זאָל עס
קאָנען פעַרמאַכען אויף אַ שלאָס. די זאַכען דאַרף מען גוט איינ=
לייגען, כּדי זיי זאָלען זיך ניט וואַרפען און ניט שאָקלען בשעת׳ן
פאָהרען און זאָלען איבער דעם ניט צובראָכען ווערען. די קאַס=
טענס, טשעמאָדאַנעס א. ז. וו. דאַרף מען אָבער ניט פעַרנייען
אָדער פעַרבינדען מיט אַ סך שטריק וואָרום אין די טאַמאָזשנעס
אויף די גרענעצען דאַרף מען זיי עפענען. אויף יעדער קאַסטען,
טשעמאָדאַן א. ז. וו. דאַרף מען מיט קלאָרע אותיות אָנשרייבען
מיט טינט אָדער אײלפאַרב דעם נאָמען און די פאַמיליע פון דעם
עמיגראַנט און די שטאָדט, וואוהין ער פאָהרט, דאָס דאַרף זיין
אָנגעשריבען אויף דייטש אָדער פראַנצויזיש. מען קאָן דאָס אַלץ
אָנשרייבען אויך אויף בעזונדערע לייוועַנטענע צעטלען און צונייען
אַזאַ צעטעל צו יעדער קאַסטען, טשעמאָדאַן א. ז. וו. ווען דער
עמיגראַנט וועט עס ניט טהון, קאָן ער האָבען גרויסע היזקות.
אויב דער עמיגראַנט פאָהרט מיט׳ן באַהן ביז דער פּאָרט-שטאָדט,
וואו ער דאַרף זיך זעצען אויף׳ן שיף, לוינט איהם, אויב ער האָט
אַ סך באַגאַזש, אַפריהער אַוועקצושיקען דעם באַגאַזש „מאַלאָי
סקאָראָסטיו״; מען דאַרף נאָר אויסרעכנען, דער באַגאַזש זאָל אויף
געוויס אָנקומען, איידער דאָס שיף וועט אָבפאָהרען. מען דאַרף
שיקען דעם באַגאַזש אויף׳ן נאָמען פון דער שיפס-געזעלשאַפט,
מיט וועלכער דער עמיגראַנט פאָהרט. אויב דער באַגאַזש פון
עמיגראַנט האָט פעַרשפּעטיגט און ער האָט געמוזט אַוועקפאָהרען
אָהן איהם, דאַרף ער וועגען דעם באַלד, ווי ער וועט קומען צו

פאָהרען אויף'ן אָרט, מודיע זיין דעם אַגענט פון דער שיפס-גע־זעלשאַפט, וואָס ער איז מיט איהרען אַ שיף געקומען צופאָהרען, און דאַרף זעהן אָבנעהמען דעם באַגאַזש. אויב דער עמיגראַנט וועט עס אָבליינען און וועט ניט זאָרגען וועגען דעם באַלד, קאָן דער באַגאַזש אין גאַנצען פערפאַלען ווערען.

דער בעל-הבית פון שיף ענטפערט פאַר די זאַכען פון עמיג־ראַנט פון דער מינוט אָן, ווען זיי זענען אָבגעגעבען געוואָרען אויף'ן שיף, ביז וואַנען מען האָט זיי אַרויסגעגעבען צוריק, סיידען עס איז געשעהן אַ סבה, וואָס קיינער איז אין איהר ניט שולדיג.

דעם באַגאַזש פון עמיגראַנט טאָר מען ניט אַריבערפיהרען פון איין שיף אויף אַנ'אַנדערן אָהן זיין ערלויבניס, אַ ניט ענטפערט דער בעל-הבית פון שיף פאַר אַלע היזקות.

אויב דער באַגאַזש ווערט פערפאַלען אין וועג, איז דער פּאַסאַזשיר ניט מחויב צו בעצאָהלען פאַר'ן פיהרען, און אויב ער האָט בעצאָהלט, מעג ער זיין געלד פאָדערן צוריק.

אויף פערשידענע ליניעס גילטען פערשידענע תקנות וועגען באַגאַזש.

אויף די ד ײַ ט ש ע און ב ע ל ג י ש ע שיפען (אין האַמבורג, ברעמען און אַנטווערפען) האָט יעדער פּאַסאַזשיר דאָס רעכט אומזיסט צו פיהרען מיט זיך 100 קילאָגראַם באַגאַזש (6 פוד מיט עפּעס) [1]; אויף אַ ק י נ ד ע ר ש ע ן בילעט מעג מען פיהרען אַ העלפט דערפון. וואָס מעהר פאַר 100 קילאָגראַם, ווערט גע־נומען צו 25 מאַרק (אַנ'ערך 12 רובל) פאַר יעדע 100 קילאָגראַם (קיין מזרח-אַזיען און אויסטראַליען קאָסט ציוויי מאָל אַזוי פיעל).

אויף די ה אָ ל ע נ ד י ש ע שיפען (אין ראָטערדאַם) האָט יעדער פּאַסאַזשיר דאָס רעכט צופיהרען $^3/_{10}$ קוביק-מעטער באַ־

[1]) אויף די שיפען פון דער ברעמענער געזעלשאפט „נאָרד-דייטשער ללאָיד" דאַרף דער באגאזש ניט פערנעהמען מעהר ווי א־$^1/_2$ קוביק-מעטר. אויף די שיפען פון דער געזעלשאפט וואס געהען קיין מזרח-אזיען און אויסטראַליען מעג יעדער פּאַסאַזשיר אומזיסט פיהרען 200 קילאגראַם באגאזש.

גאַזש. וואָס מעֶהר, ווערט געֶצאָהלט צו 32 מאַרק (אַנ׳עֶרך 15 רובל) פאַר יעֶדעֶר קוביק-מעֶטר.

אויף די ענגלישע שיפען (לאָנדאָן, סויטהעמפּטאָן, ליווערפּאָל) מעג יעדער עמיגראַנט פיהרען 20—10 קוביק-פוט באַגאַזש. פאַר יעדער קוביק-פוט מעהר ווערט גענומען 1—1½ שילינג (1—1,50 רובל). אויף די שיפען, וואָס געהען קיין צפון-אַמעריקאַ מעג מען פיהרען אומזיסט 10 קוביק-פוט באַגאַזש, קיין אויסטראַליען—15 קוביק-פוט. פאַר יעדער איבריגען קוביק-פוט ווערט געצאָהלט 2—1½ שילינג. אויף די שיפען פון דער Royal Mail Steam Packet C°. וואָס געהען קיין דרום-אַמעריקאַ, מעג מען אומזיסט פיהרען 50 קוביק-פוט. וואָס מעהר, צאָהלט מען פאַר יעדער 50 קוביק-פוט 12 שילינג.

אויף די איטאַליענישע שיפען האָט דער פּאַסאַזשיר דאָס רעכט צו פיהרען אומזיסט 100 קילאָגראַם באַגאַזש (6 פוד מיט עפּעס), אָבער דער באַגאַזש דאַרף ניט פערנעהמען מעהר ווי אַ ½ קוביק-מעטער, וואָס מעהר, ווערט געצאָהלט צו 15 איטאַליענישע ליר (אַנ׳ערך 1,75 רובל) פאַר יעדער 1/10 קוביק-מעטער.

אויף די רוסישע שיפען פון דער Русское О-во пароход-ства и торговли (אָדעס), וואָס געהען קיין אויסלאַנד, האָט אַ פּאַסאַזשיר פון II און III קלאַס דאָס רעכט צו פיהרען אומזיסט 2 פוד באַגאַזש.

די שיפס-קאָנטאָרען אין ליבוי און ריגאַ זענען אַגענטען פון די אויסלענדישע שיפס-געזעלשאַפטען און דאַרפען זיך האַלטען אָן זייערע תקנות וועגען באַגאַזש. די ליבויער קאָנטאָרען גיבען איצט די פּאַסאַזשירען, וואָס פאָהרען קיין צפון-אַמעריקאַ און דרום-אַמעריקאַ, דאָס רעכט פיהרען אומזיסט 6 פוד באַגאַזש, און די וואָס פאָהרען אין דרום-אַמעריקאַ—9 פוד, וואָס מעהר נעהמען זיי 1,75 רובל פאַר אַ פוד.

———

## באַגאַזש אויף די אײזען־באַהנען.

אין רוסלאַנד מעג יעדער פּאַסאַזשיר; ווי בעוואוסט, אומ־זיסט פיהרען מיט זיך 1 פּוד באַגאַזש, אויף די אײזען־באַהנען אין פּרײסען און עסטרײך גילטען פאָלגענדע תקנות וועגען באַגאַזש: אַ פּאַסאַזשיר פון 3 קלאַס מעג פיהרען אומזיסט 62 פונט באַגאַזש, אין 4 טען קלאַס (אין פּרײסען) מעג אַ פּאַסאַזשיר נעהמען באַגאַזש נאָר מיט זיך אין וואַגאָן און וויפיעל אַ דערוואַקסענער מענש קאָן אויפהויבען. אויף די אײזען־באַהנען אין ענגלאַנד מעג מען פיהרען באַגאַזש ניט מעהר ווי 112 ענגלישע פונט (126 רוסישע פונט; אַן ענגל. פונט איז גלײך $1^1/_8$ רוס. פונט). אין קאַנאַדאַ און אין די פערײניגטע שטאַאטען דאַרף דער באַגאַזש וועגען ניט מעהר ווי 150 פונט. אין קאַנאַדאַ דאַרף דער באַגאַזש פערנעה־מען ניט מעהר ווי 10 קוביק־פוט. וואָס מעהר, ווערט אין קאַנאַדאַ געצאָהלט 12% פון דעם פּרײז פון באַהן־בילעט פאַר יעדע 100 ענגל. פונט, און אין די פערײניגטע שטאַאטען נאָך דער ווײטקײט. קינדער מעגען אומזיסט פיהרען 75 ענגל. פונט באַגאַזש.

---

## האַנד־געפּעק.

אין האַנד דאַרף דער עמיגראַנט נעהמען וואָס וועניגער זאַכען, וואָרום אויף די שיפען ווערט די עמיגראַנטען געגעבען זעהר וועניג אָרט.

פאָלגענדע זאַכען דאַרף יעדער עמיגראַנט נעהמען מיט זיך:

מאַנסביל ען: 1) אויף צו טראָגען אין וועג: אַ גוטען, וואַרימען בגד, אַ פּאָר שטיוועל, אַ לאַנגען וואַרימען מאַנטעל, אַ וואָלענע קאָלדרע, אַ וואַרימע היטעל און אַ האַלז־טיכעל, וועש און אַ לײוועגטענעם זעקעל, 2) אויף צו טראָגען קומענדיג צו פאָהרען: אַ צווײטען בגד, אַ צווײטע פּאָר שטיוועל און 4—3 פּאָר וועש.

פרויען דאַרפען האָבען 1) אין וועג: אַ וואַרימע קלייד,

אַ פּאָר קאַמאַשען, אַ וואַרימען מאַנטעל אָדער אַ זשאַקעט, אַ וואַ-
רימע קאָלדרע און אַ האַלז-טיכעל, אַ קליינע הוט, וואָס זיצט גוט
אויף'ן קאָפּ, וועש, טיכלעך, נעה-געציַיג און אַ לײַוועגטענעם
זעקעל. 2) אויף צו טראָגען קומענדיג צו פאָהרען: אַ צווייטע
וואַרימע קלייד, אַ צווייטע פּאָר קאַמאַשען, אַ באַוועלנע קלייד,
טיכלעך, האַנדטיכער און 3—4 פּאָר וועש.

קינדער: וואַרימע קליידער, מאַנטלען, שיך און 3—4 פּאָר
וועש אין וועג און אויף טראָגען שפּעטער.

ס'איז נוצליך צו האָבען מיט זיך 2—3 פלאַנעלענע העמ-
דער פאַר יעדערן.

די וואָס פאָהרען אין די דרום-לענדער (אויסטראַליען, דרום-
אַפריקאַ, דרום-אַמעריקאַ) דאַרפען נעהמען מיט זיך אויך לײַכטע
קליידער, אַ שטרויענע אָדער אַ וויַיכע הוט מיט ברייטע קאַנטען
און עטוואָס מעהר וועש.

---

## די לענדער, וועלכע דער עמיגראַנט פאָהרט דורך.

מיר האָבען בעטראַכט, וואָס דאַרף דער עמיגראַנט וויסען,
אום צו בעשטימען וואוהין צו פאָהרען און ווי אַזוי צו פאָהרען.
עס בלייבט אונז נאָך בעטראַכטען די געזעצען פון די פערשידענע
לענדער וועגען דעם דורכפאָהר און אַרייַנפאָהר פון עמיגראַנטען.
די לעצטע יאָהרען זענען אין די לענדער, וואו דער אַרייַנפאָהר
פון פרעמדע איז זעהר גרויס, אַרויסגעגעבען געוואָרען געזעצען.
וואָס פערמאַכען די טהירען פון לאַנד פאַר געוויסע גרופּעס עמיג-
ראַנטען. אַזעלכע געזעצען עקסיסטירען אין די פעראייניגטע
שטאַטען פון אַמעריקאַ, אין קאַנאַדאַ, דרום-אַפריקאַ, אויסטראַליען,
און ווערען איצט אײַנגעפיהרט אויך אין ענגלאַנד.

פאַר די עמיגראַנטען איז וויכטיג צו וויסען אַ חוץ די גע-
זעצען וועגען אַרייַנפאָהר אויך די תקנות פון די לענדער, דורך
וועלכע זיי פאָהרען דורך. דאָס רוב עמיגראַנטען זעצען זיך אויף'ן

שִׁיף אִין האַמבּוּרג, בּרעֶמעֶן, ראָטעֶרדאַם אוּן אִין אַנדעֶרעֶ אויס־לעֶנדִישעֶ פּאָרט-שטעֶדט. אִין דִי דאָזִיגעֶ לעֶנדעֶר זעֶנעֶן פוּן לאַנג אָן אַרויסגעֶגעֶבּעֶן געֶזעֶצעֶן, וואָס שִׁיצעֶן דעֶם עֶמִיגראַנט, דִי שִׁיפס-געֶזעֶלשאַפטעֶן, דִי אַגעֶנטעֶן אָדעֶר דִי בּעלי-אַכסניות זאָלעֶן אִיהם נִיט אָבּנאַרעֶן. אויך זעֶנעֶן דאָרט פאַרהאַן פעֶרשִׁידעֶנעֶ אַנ־שטאַלטעֶן, וואָס גִיבּעֶן דעֶם עֶמִיגראַנט עֵצות אוּן געֶנויעֶ ידיעות. דעֶרהויפּט אִיז ווִיכטִיג צוּ ווִיסעֶן דִי תקנות, וואָס דִי דײַטשעֶ רעֶ־גִירוּנג האָט אַרויסגעֶגעֶבּעֶן. עֶס ווערעֶן דוּרך זײַ געֶשִׁיצט דִי אִינ־טעֶרעֶסעֶן פוּן דִי דײַטשעֶ עֶמִיגראַנטעֶן, צוּגלײַך אָבּעֶר שאַפעֶן זײַ גרויסעֶ שווִירִיגקײַטעֶן פאַר דִי יוּדִישעֶ עֶמִיגראַנטעֶן פוּן רוּסלאַנד.

---

# דַייטְשְׁלַאנְד.

לויט דעֶם לעֶצטעֶן בּעֶפעֶהל פוּן דעֶר פּרײַסִישעֶר רעֶגִירוּנג פוּן 26-טעֶן פעֶבּרוּאַר 1905 דאַרפעֶן דִי עֶמִיגראַנטעֶן אויף דעֶר רוּסִיש-פּרײַסִישעֶר גרעֶנִיץ דוּרכגעֵהן דִי עֶרטעֶר וואָס מעֶן רוּפט קאָנטראָל-סטאַנצִיעֶס.

דִי קאָנטראָל-סטאַנצִיעֶס געֶפִינעֵן זִיך אִין בּאַיאָרעֶן (בּײַ דעֶר רוּסִישעֶר שטעֶדטִיל קרעֶטִינגעֶן), טִילזִיט, אֵיידקוּהנעֶן (בּײַ ווערזש־בּאָלאָוואָ), אִינסטעֶרבּוּרג, פּראָסטקעֶן (בּײַ גראַיעֶוואָ, לאָמזעֶר גוּב׳), אִיללאָווּ (בּײַ מלאַווא), אָטלאָטשִין (בּײַ אַלעֶקסאַנדראָוואָ), פּאָזנאַן, אָסטראָווּ (בּײַ קאַלִיש) אוּן רוּהלעֶבּעֶן (בּײַ בּעֶרלִין). עֶס ווערעֶן פרײַ אַרײַנגעֶלאָזעֶן אִין דײַטשלאַנד דִי עֶמִיגראַנטעֶן, וועֶלכעֶ האָבּעֶן: 1) אַ גוּבּעֶרנאַטאָרסקעֶן פּאַס, 2) אַ שִׁיפס-קאַרטעֶ פוּן אַ שִׁיפס-געֶזעֶלשאַפט, וואָס אִיז עֶרלויבּט אִין דײַטשלאַנד [1],

---

[1]) אין דייטשלאנד האבען אנ׳ערלויבנים אויף פערקויפען שיפס-קארטען און פיהרען געשעפטען פאלגענדע שיפס-געזעלשאפטען: 1) Norddeutcher Lloyd אין ברעמען 2) Hamburg-Amerikanische Packetfart-Actien-Gesellschaft, (Hamburg-Amerika-Linie) אין האמבורג, 3) די פראנצויזישע געזעלשאפט Compagnie Générale Transatlantique, 4) די בעלגישע געזעלשאפט Société anonyme de Navigation Belge Americaine (Red Star Line), 5) די ענגלישע געזעלשאפט Ismay Imrie et Co.

און 3) אַ חוץ אַ באַהן-בִּילֶעט בִּיז דֶעם פּאָרט, נאָך צו 200 רובל
מזומן גֶעלד אויף אַ דֶערוואַקסֶענֶעם מִיטגלִיעד פון דֶער פאַמִילִיֶע
און צו 50 רובל אויף יֶעדֶעס קִינד בִּיז 10 יאָהר.

אין דֶער טהאַט גֶעהט דאָס אַזוי צו בַּיי'ן דורכפאָהרֶען אִין
דַייטשלאַנד:

1) יֶעדֶער עֶמִיגראַנט האָט דאָס רֶעכט דורכצוגֶעהן דֶעם
דַייטשֶען גרֶענִיץ נאָר אִין די פונקטֶען וואו עֶס אִיז פאַרהאַן
קאָנטראָל-סטאַנצִיֶעס. עֶס אִיז שטרֶענג פֶערבאָטֶען די עֶמִיגראַנטֶען
דורכצוגֶעהן דורך אַנדֶערֶע דַייטשֶע גרֶענֶעצֶען.

2) ווי נאָר דֶער עֶמִיגראַנט האָט אַרויפגֶעשטֶעלט דֶעם פוס
אויף די דַייטשֶע (פּרַייסִישֶע) עֶרד, מוז עֶר גלַייך גֶעהן זִיך פאָר-
שטֶעלֶען אִין קאָנטראָל-סטאַנצִיֶע, אַלץ אֵיינס אויב עֶר
האָט אַ פּאַסס און די גֶעווִיססֶע סומֶע גֶעלד וועלכֶע
עֶס אִיז אָנגֶעווִיזֶען הֶעכֶער, אָדֶער נִיט. אויב דֶער
עֶמִיגראַנט טהוט דאָס אַלֵיין נִיט, פִיהרט אִיהם גלַייך אַיוֶעק אַהִין
פּרַייסִישֶע פּאָלִיצִיֶע. יֶעדֶער מאָל ווֶען אַן'עֶמִיגראַנט טרֶעט אָב
אִין וואָס עֶס אִיז פון די אַרויסגֶעגֶעבֶענֶע תקנות און הויפטזֶעכלִיך
ווֶען עֶר וויל זִיך אויסדריִיען פון דֶער קאָנטראָל-סטאַנצִיֶע — קֶען
עֶר דֶערפאַר בֶּעצאָהלֶען 60 מאַרק (30 רובל) שטראָף אָדֶער אויב
עֶר האָט נִיט קֵיין גֶעלד, קֶען מֶען אִיהם אַרַיינזֶעצֶען אויף
אַ גֶעווִיססֶע צַייט אִין טורמֶע; דאָס האָט שוין גֶע-
טראָפֶען מֶעהר ווי אֵיין מאָל מִיט יודִישֶע עֶמִיג-
ראַנטֶען. אַזֶעלכֶע קאָנטראָל-סטאַנצִיֶעס זֶענֶען פאַרהאַן אויף'ן
עֶסטרַייך-פּרַייסִישֶען גרֶענֶעץ אויך. בכן זֶענֶען די עֶמִיגראַנטֶען
וואָס פאָהרֶען דורך עֶסטרַייך אויך דֶערפון נִיט בֶּעפרַייט. אויסֶער-
דֶעם אִיז דאָ אַ קאָנטראָל סטאַנצִיֶע אויף'ן גרֶענֶעץ פון מערב-
דַייטשלאַנד, אִין בִּינגֶערברוק (Bingerbrück) וואו עֶס ווֶערֶען

---

Cunard Steamship, די ענגלִישע געזעלשאַפט (6 ,(White Star Line)
International Navi- די אמעריקאנישע געזעלשאפט (7 ,Company Limited
gation Company (American Line) און נאך פיער קליינע שיפס-געזעל-
שאפטען אין ברעמען.

אָבגעֶהאַלטעֶן אַלעֶ עֶמִיגראַנטעֶן וועֶלכעֶ עֶס האָט זִיךְ וִוי עֶס אִיז אַיינגעֶגעֶבּעֶן אויסצומַיידעֶן דִי פרִיהעֶרדִיגעֶ קאָנטראָל-סטאַנציִעֶ, אַזעֶלכעֶ עֶמִיגראַנטעֶן וועֶרעֶן גלַייךְ אָבגעֶשִיקט צורִיק אויף'ן רוססִיש-פּרַייסִישעֶן גרעֶנעֶץ.

3) אויף דעֶר קאָנטראָל-סטאַנציִעֶ מוז דעֶר עֶמִיגראַנט פרִיהעֶר פאַר אַלץ קויפעֶן – אויבּ עֶר האָט נאָךְ נִיט – אַ שִיפסקאַרטעֶ אָבּעֶר נאָר פון אַ דַייטשעֶ שִיפגעֶזעֶלשאַפט וועֶלכעֶ זעֶנעֶן דִי פאָלגעֶנדעֶ: אִין האַמבּורג Hamburg-Amerika Linie, אִין בּרעֶמעֶן Norddeutscher Lloyd אָדעֶר Holland-Amerika Linie אִין ראָטטעֶרדאַם וועֶלכעֶ עֶס וועֶרט אויךְ גערעֶכעֶנט פאַר אַ דַייטשעֶ געֶזעֶלשאַפט. וועֶר זשעֶ עֶס האָט אַ שִיפסקאַרטעֶ פון אַיין אַנדעֶר געֶזעֶלשאַפט, נִיט פון אַ דַייטשעֶ, מאָג זַיין זִיכעֶר אַז מעֶן יועֶט אִיהם דורךְ דַייטשלאַנד נִיט דורכלאָזעֶן; אַזעֶלכעֶ עֶמִיגראַנטעֶן מוזעֶן זוכעֶן אַנ'אַנדעֶר ועֶג, נִיט דורךְ דַייטשלאַנד.

אִין דעֶם פאַל וועֶרעֶן נאָר אָנגעֶנומעֶן דִי עֶמִיגראַנטעֶן וואָס האָבּעֶן „פרִיפעֶד'ס" (ז. 14) אָבּעֶר אויךְ נִיט אַלעֶ פרִיפעֶד'ס וועֶרעֶן אָנגעֶנומעֶן אִין דִי קאָנטראָל-סטאַנציִעֶס: נאָר דִי טויגעֶן וועֶלכעֶ עֶס זעֶנעֶן אַרויסגעֶגעֶבּעֶן פון דִי געֶזעֶלשאַפטעֶן וועֶלכעֶ עֶס זעֶנעֶן אויסגעֶרעֶכעֶנט העֶכעֶר (אִין דעֶר בּעֶמעֶרקונג ז. 26).

פונדעֶסטוועֶגעֶן אִיז מעֶן נאָךְ מִיט אַזעֶלכעֶ פרִיפעֶד'ס עֶרשט נִיט זִיכעֶר: עֶרשטעֶנס מוזעֶן זִיי זַיין דאָס וואָס מעֶן רופט „אָרִיגִינאַלעֶ פרִיפעֶד'ס", ד. ה. זִיי מוזעֶן זַיין געֶקויפט נִיט בּיַי אַנ'אַגעֶנט און נִיט בּיַי אַ קאָמִיסִיאָנעֶר, נאָר אִין דעֶר געֶזעֶלשאַפט גופא, צווייטעֶנס האָט יעֶדעֶרעֶ פון דִי אויסגעֶרעֶכעֶנטעֶ אויסלעֶנדִישעֶ שִיפסגעֶזעֶלשאַפטעֶן גאָר דאָס רעֶכט אַרִיבּעֶרצופִיהרעֶן עֶמִיגראַנטעֶן פון געֶוִויסעֶ פּאָרטעֶן: דִי שִיפסגעֶזעֶלשאַפטעֶן „Compagnie générale Transatlantique" מאָג געֶבּעֶן אַ קאַרטעֶ נאָר פון האַוור Red Star Line -- נאָר פון אַנטוועֶרפּעֶן, און דִי אִיבּרִיגעֶ געֶזעֶלשאַפטעֶן -- נאָר פון האַמבּורג אָדעֶר פון בּרעֶמעֶן. בּכן דאַרף מעֶן וִויסעֶן אַז אַ פרִיפעֶד וואָס מעֶן האָט צום בּיַישפִּיל געֶקויפט בּיַי דעֶר קאָמפּאַנִיעֶ „קונאַרד" אַרויסצופאָהרעֶן פון לִיוועֶרפּול וועֶרט אִין קיִין

קאָנטראָל סטאַנציִע ניט אָנגענומען. דריטענס, מוזען די פּריפּעד'ס זיין בעשטימט צו פאָהרען אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד-אַמעריקאַ, בכן ווערט אַזאַ פּריפּעד, וואָס אין אַלע אַנדערע הינזיכטען איז ער גוט, נאָר ער געהט קיין דרום-אַפריקאַ, אָדער אין קאַנאַדאַ — אויך ניט אָנגענומען ווערען אויף קיין דייטשע קאָנטראָל-סטאַנציִע.

4) אויף דער סטאַנציִע ווערט דער עמיגראַנט בעקוקט פון אַ דאָקטאָר און דערביי נויט מען איהם צו געהן אין אַ וואַננע, און אַלע זיינע זאַכען און זיינע קליידער ווערען דעזינפעקצירט (געריניגט); דערפאַר מוז יעדער עמיגראַנט בעצאָהלען צוויי מאַרק (אפילו קינדער אויך); דער עמיגראַנט איז מחויב צו בעצאָהלען אַנשטאָט 2 מאַרק 4, אויב ער פאָהרט קיין ענגלאַנד אָדער דורך ענגלאַנד, ד. ה. אויב ער זעצט זיך אין ענגלאַנד איבער אויף אַיין ענגלישען שיף.

5) אָן די ערלויבניש פון דער אַדמיניסטראַציאָן טאָר קיין עמיגראַנט ניט אַרויסגעהן פון קאָנטראָל-סטאַנציִע. און אָט די ערלויבניש בעקומט ער נור ווען ער האָט שוין דורכגעמאַכט אַלץ, וואָס מיר האָבען דאָ אָנגעוויזען. נאָר נאָך דעם האָט נאָך דער עמיגראַנט אויך ניט דאָס רעכט צו געהן וואו ער וויל. עס איז איהם למשל זעהר שטרענג פערבאָטען אַליין מיט זיין אייגענעם ווילען אַוועקצופאָהרען אין די פאָרטשטאָדט, וואָס ער האָט אויסגעקליבען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, וואָס מען האָט איהם אָנגעציכענט. אויף דעם זענען דאָ בעזונדערע ציגע (מיט וואַגאָנעס פון 4-טע קלאַס און מיט אַנ'אויפשריפט „רוססישע עמיגראַנטען"), אָדער בעזונדערע וואַגאָנעס, אין וועלכע די אויסוואַנדערער ווערען אָבגעפיהרט אין רוהלעבען (לעבען בערלין); מיט זיי פאָהרט אַ טשינאָווניק פון סטאַנציִע, דאָרטען איז די צענטראַלנע קאָנטראָל-סטאַנציִע וואו עס ווערען צונויפגעפיהרט אַלע עמיגראַנטען פון אַלע אַרומיגע קאָנטראָל-סטאַנציִעס. דאָ בעזעהט זיי ווידער אַ דאָקטאָר, זיי ווערען נאָך אַ מאָל דעזינפעצירט און דאַן צוטיילט מען זיי אין פּאַרטיעס נאָך די פאָרטען נאָך פון וועלכע זיי דאַר-

פען זיך זעצען אויפ'ן שיף: ווער אין האַמבורג, ווער אין ברעמען א. ז. וו. נאָך דעם, אַז זיי זענען שוין דאָ אָבגעוועזען ניט ווענינער געוועהנליך ווי אַ מעת-לעת, צושיקט מען זיי. דערביי מוז מען וויסען אַז אין גאַנצען וועג, סיי פון די קאָנטראָל-סטאַנציעס ביז רוהלעבען, סיי פון רוהלעבען ביז'ן פאָרט, זיינען די וואַגאָנען צוגעשלאָסען און מען לאָזט די עמיגראַנטען ניט אַרונטערגעהן אויף קיין סטאַנציאָן. אין רוהלעבען גופא זענען די עמיגראַנטען אויך אַיינגעשלאָסען, מען לאָזט זעהר זעלטען ווען עס איז געהן אין שטאָדט, און נאָך זעלטענער לאָזט מען צו זיי צו. דאָס הויז וואו זיי געפינען זיך איז אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכען פאַרקאַן און די עמיגראַנטען זענען פשוט אָבגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט.

אויסערדעם געפינען מיר אין די דייטשע געזעצען אַ מאַסע תקנות וואָס בעשיטצען דעם עמיגראַנט, אין די פאָרטשטעדט און אויך בשעת דער רייזע אויפ'ן שיף.

אַזוי ווי די געזעלשאַפטען און זייערע אַגענטען ערלויבען זיך זעהר אָפט אָבצונאַרען די אונערפאַהרענע עמיגראַנטען, האָט די דייטשע רעגיערונג איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַיינגעשטעלט ווי עס דאַרף צו געהן די רייזע פון די עמיגראַנטען און ווי די שיפס-בעזיטצער און די אַגענטען דאַרפען זיך מיט זיי בעגעהן. די שיפסגעזעלשאַפטען האָבען דעריבער ניט דאָס רעכט איבער-צופיהרען אַנ'עמיגראַנט וואו זיי האָבען מיט איהם פריהער ניט געמאַכט אַ פאָרמאַלנעם קאָנטראַקט וועלכער עס מוז זיין אונטער-געשריבען פון ביידע זייטען, דער עמיגראַנט קריגט אַ קאָפּיע פון דאָזיגען קאָנטראַקט. אויב ער פערשטעהט ניט קיין דייטש, מאָג ער פערלאַנגען דער קאָנטראַקט זאָל זיין געשריבען אין אַזאַ שפּראַך וואָס ער פערשטעהט.

מיר וועלען דאָ ברייננען איינינע תקנות וואָס זענען זעהר וויכטיג פאַר יעדער עמיגראַנט.

אויב דער שיף פערזאַמט זיך און געהט ניט אָב צו דער צייט, איז דער עקספּעדיענט (ד. ה. די שיפסגעזעלשאַפט) מחויב צו בעצאָהלען פאַר'ן עמיגראַנטס נאַכטלעגער און פאַר זיין עסען.

אויב דער שיף פערזאַמט זיך מעהר ווי אַ וואָך, האָט דער עמיגראַנט דאָס רעכט צו פאָדערן צוריק זיין געלד און אויך פאַר אַלע היזקות. אויב דער עמיגראַנט אָדער אימיצער פון זיין פאַמיליע שטאַרבט פלוצלונג אָדער ווערט קראַנק אָדער עס טרעפט זיך מיט איהם אַנ'אַנדער סבה וואָס ער איז אין דרין ניט שולדיג און וואָס ער קען צוליעב דעם ניט פאָהרען, מעג ער און אַללע זיינע מיטגליעדער פאָדערען מען זאָל זיי אומקעהרען צוריק דאָס געלד פאַר די שיפסקאַרטע; אויב דער עמיגראַנט האָט שוין געמאַכט דעם קאָנטראַקט און וויל ניט פאָהרען איבער אַנדערע סבות, מעג ער פאָדערן מען זאָל איהם אומקעהרען אַ העלפט פון דאָס געלד וואָס ער האָט איינגעצאָהלט; דאָס אַלץ איז בעשטימט אין די געזעצען און אַנדערס טאָר דאָס ניט זיין אַפילו אַז דער עמיגראַנט זאָל וועלען דורכקומען מיט'ן עקספעדיענט.

מען טאָר ניט נעהמען אויף די שיפען פערזאָנען מיט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען און די, וואָס געפינען זיך אַרום זיי, ווי אויך געפעהרליך-קראַנקע, וואָס זייער לעבען איז אין געפאַהר. בכלל ווערען אַלע עמיגראַנטען אונטערזוכט פון אַ ספּעציעלען דאָקטאָר, וואָס גיט אַרויס וועגען דעם יעדער עמיגראַנט אַ בעזונדער פּאַפּיר.

אויך טאָר מען ניט נעהמען אויף די שיפען פערזאָנען, וואָס וועלען ניט אַריינגעלאָזען ווערען, לויט די געזעצען פון לאַנד, וואוהין זיי פאָהרען.

אויב דער עמיגראַנט פערשטעהט ניט די דייטשע שפראַך, האָט ער דאָס רעכט צו פאָדערן, אַז דער אָבמאַך, וואָס ער מאַכט מיט דער שיפס-געזעלשאַפט, די שיפס-קאַרטע, זאָל זיין געשריעבען אויף אַ שפראַך, וואָס ער פערשטעהט זי.

דאָס געזעץ בעשטימט, וואָס פאַר אַנ'אָרט מען דאַרף געבען יעדער עמיגראַנט אויף'ן שיף, און ספּעציעלע בעאַמטע קוקען אַרום פאַר'ן אַוועקפאָהרען יעדער שיף, צי אַלץ איז אויף איהם ווי געהעריג איינגעאָרדענט געוואָרען. אויף יעדע 100 עמיגראַנטען דאַרפען זיין ניט ווייניגער ווי 2 ווענטילאַטאָרס (אויף צו

לופטערן דעם אָרט, וואו די עמיגראַנטען געפינען זיך). דאָס
וואַסער דאַרף זײַן דיסטילירט, און יעדער פּאַסאַזשיר מעג פאָ-
דערן ביז אַ האַלב עמער טרינק-וואַסער אין אַ מעת-לעת. אויף'ן
שיף דאַרפען זיך געפינען גענוג קאַיוטעס מיט אַ מאַטראַץ, אַ קי-
שען און אַ קאָלדרע פאַר יעדען עמיגראַנט. נאָך יעדער מאָל פאָה-
רען דאַרף דאָס אַלץ ווערען גערייניגט און דעזינפעקצירט. די
בעטלעך דאַרפען זײַן 1,83 מעטער די לענג און 0,60 מעטער די
ברייט, ניט נידריגער ווי 0,15 מעטער פון דר'ערד און ניט ווע-
ניגער ווי 0,75 מעטער פון די אויבערשטע בעטלעך. יעדער
עמיגראַנט און יעדעס קינד עלטער פאַר 10 יאָהר דאַרפען בע-
קומען צו בעזונדערע בעטלאַך, פאַר צוויי קליינע קינדער געהט
איין בעט'ל. אַ דאָפּעלטע בעטיל ווערט געגעבען: אָדער צוויי
מאַנסבילען, אָדער צוויי פרויען, אָדער אַ מאַן און ווײַב אָדער איי-
נעם פון די עלטערן מיט צוויי קינדער. פאַר פרויען, וואָס פאָה-
רען אַליין, דאַרף זײַן אַ בעזונדער אָבטיילונג, וואָס פערמאַכט זיך
אויף אַ שליסעל. מען מעג אַרײַננעהמען אַהין קינדער ביז 10
יאָהר. אויב עס פאָהרען מעהר ווי 25 פרויען, דאַרף זיך אין זייער
אָבטיילונג געפינען אַ דיענסט-מיידעל. אויך פרויען, וואָס פאָהרען
מיט בעגלייטער, האָבען דאָס רעכט צו פערנעהמען אַן'אָרט אין
דער פרויען-אָבטיילונג. פאַר יונגע לײַט עלטער פון 14 יאָהר,
וואָס פאָהרען אָהן עלטערן, דאַרף אויך זײַן אַ בעזונדער אָבטיי-
לונג. אין אַלע קאַיוטעס דאַרפען זײַן רעטונגס-קליידער, אין וועלכע
מען קאָן זיך האַלטען אויף'ן וואַסער, פאַר יעדער פּאַסאַזשיר
אַ שטיק. די שיפס-בעדיענטע דאַרפען ווײַזען די פּאַסאַזשירען ווי
אַזוי מען בענוצט זיך מיט די דאָזיגע קליידער. אויף'ן וועג קו-
רירט די פּאַסאַזשירען אומזיסט אַ בעזונדער דאָקטאָר, און ווען ער
הייסט, דאַרף מען געבען די קראַנקע בעזונדערע עסען. אויב אַן'-
עמיגראַנט שטאַרבט אויף'ן שיף, ווערען זײַנע זאַכען פער'חתמ'עט
און אָבגעגעבען דעם דײַטשען קאָנזול אין דער פּאָרט-שטאָדט,
וואוהין דאָס שיף קומט אָן. און ביז דער צײַט איז דער קאַפּיטאַן
מחויב אַכטונג צו געבען אויף די זאַכען, כדי זיי זאָלען ניט

איבערגעפיהרט אָדער פערפאַלען ווערען און אָנקומען צו די יורשים. יעדער שיף דאַרף נעהמען מיט זיך פאַר די פּאַסאַזשירען אויף'ן וועג אַחוץ פלייש, נאָך הערינג, ווייסברויט, פּוטער, קאַר־טאָפּעל א. ז. וו.. דער עמיגראַנט דאַרף בכלל מיט זיך קיין עסען־וואַרג ניט נעהמען, און זיך דערמיט גאָר ניט בעשעפטיגען וואָרום 3 מאָל אַ טאָג דאַרף ער בעקומען עסען, צוגלייך מיט געשיר, וואָס ער האָט נויטיג צום עסען און טרינקען. צווייי קינדער ביז 10 יאָהר בעקומען צו עסען ווי איין דערוואַקסענער. קליינע קינדער ביז 1 יאָהר ווערען גאָרניט גערעכענט, מען גיט זיי נאָר מילך צום טרינקען.

אויב דער עמיגראַנט פערשפּעטיגט צום שיף, איז זיין געלד פערפאַלען. אויב מען דאַרף זיך אויף'ן וועג אָבשטעלען פערדריי־טען דאָס שיף, קאָנען די פּאַסאַזשירען צוריק זייער געלד ניט פאָדערן, אָבער דער בעל־הבית פון שיף מוז זיי די גאַנצע צייט פון וואַרטען אויסהאַלטען אויף זיין חשבון.

אין האַמבורג איז פאַראַן אַ בעזונדערע רעגירונגסאַנשטאַלט „בעהערדע פאַר דאָס אויסוואַנדערונגסוועזען" וואָס גיט אַכטונג אויף די ענינים פון עמיגראַציע; ביי דער אַנשטאַלט איז דאָ אַ בעזונדער ביוראָ „נאָכווייזונגסביוראָ פיר אויסוואַנדערער" וואָס גע־פינט זיך טאַקע אין פאָרט גופא, נעבען דער פלאַטפאָרמע וואו די פּאַסאַזשירען גייען אַרונטער פון צוג „אַם גראָססען גראָס־בראָק". דאָס ביוראָ גיט די עמיגראַנטען צו יעדער צייט אומ־זיסט ידיעות און עצות וועגען אַלץ וואָס זיי דאַרפען; דאָ קענען זיי זיך אויך ווענדען מיט בקשות און קלאָגען וועגען אַלע סכסוכים מיט אַנדערע עמיגראַנטען אָדער מיט די אַגענטען א. ז. וו.

אין ברעמען איז פאַראַן אַזאַ עמיגראַציאָנס־ביוראָ אויף'ן וואָקזאַל. אין די אַכסניות פאַר עמיגראַנטען קאָסט דירה און עסען $2^1/_2$ מאַרק אַ מעת־לעת, עסען אַליין $1—1^1/_2$ מאַרק. עסען גיט מען 3 מאָל אַ טאָג: אין דער פריה — קאַווע, מילך, צוקער און זעמעל; ביי טאָג — זופּ, פלייש, גרינס, קאַרטאָפּעל; אין אָווענד — דאָס זעלבע וואָס אין דער פריה. קינדער ביז 10

יאָהר צאָהלען אין ברעמען, ווי אין האמבורג, א העלפט, ביז 1 יאָהר צאָהלען גאָרנִיט פאר'ן עסען. פאר'ן אריבערטראָגען דעם באַגאַזש פון וואָקזאַל אין צום וואָקזאַל נעהמט מען 30 פפעניג פון מענשען, אָבער ניט מעהר ווי איין מארק פון א פאמיליע.

אָבער פאר די עמיגראַנטען וואָס קומען אָן פון רוסלאַנד זענען דאָ גאָר בעזונדערע תקנות.

אין האמבורג איז די בעלי-בתים פון די האָטעלן און אויך אללע פּריוואַטע פּערזאָנען שטרענג פערבאָטען צו לאָזען ביי זיך נעכטיגען רוססישע עמיגראַנטען. צו דעם צוועק עקזיסטירען אין שטאָדט ספּעציעלע באַראַקען פאר עמיגראַנטען „אויסוואַנדערער-האַלען". די דאָזיגע באַראַקען האָט אויסגעבויט מיט דער ערלויבניש פון דער דייטשער רעגירונג די האמבורנער שיפסגעזעלשאַפט Hamburg-Amerika Linie, זעהר ווייט פון שטאָדט. דאָ האַלט מען אַלע רוסישע עמיגראַנטען ביז עס געהט אָב דאָס שיף אויף וועלכען זיי דאַרפען זיך אַרויפזעצען. די אויסוואַנדערער-רעגיגע פון וועלכע מיר האָבען דאָ גערעדט געהען צו ביז די באַראַקען, און שטעלען זיך גאָר ניט אָב אויף דער הויפּטסטאַציאָן. די עמיגראַנטען וואָס קומען אָן צופעליג אין האמבורג מיט אַן'אַנדער צוג, שטייגען אויס אויף'ן האַננאָווערשען וואָקזאַל און פון דאָרט פיהרט זי שוין די Hamburg-Amerika Linie אָב אין בעזונדערע פוהרען גלייך אין די באַראַקען.

אין די דאָזיגע באַראַקען וואו עס געהען אַריין ביז טויזענד מאַן, בעקומען די עמיגראַנטען דירה (א בעט) און עסען (אין דער פּריזה טיי אָדער קאַווע מיט צוויי בולקעס, ביי טאָג — מיטאָג, און אין אָוועגד דאָס זעלבע וואָס אין דער פריה) ביז זייער שיף געהט אָב. אין יעדער צימער נעכטיגען געוועהנליך ביז 22 פּערזאָן. און פאר דאָס אַלץ צאָהלט דער עמיגראַנט 1 מארק 60 פפעניג א טאָג, פאר קינדער צאָהלט מען א העלפט. געוועהנליך פיהרט זיך אז דער עמיגראַנט צאָהלט איין פאר די באַראַקען פאָראויס, בשעת ער קויפט די שיפסקאַרטע; יעדען עמיגראַנט ווערט צוגערעכענט 6 מארק מיט א האַלב (קינדער א העלפט) און דאָס

איז שוין אַלץ אײנס וויפיעל עס זאָל איהם נישט אויסקומען צו בלײַבען דאָרטען. ווער עס דערצאָהלט נאָך אַ מאַרק אַ טאָג, קען בעקומען אַ בעסערן געלעגער אין אַזאַ צימער וואו עס נעכטיגען נאָר 4—6 פּערזאָן. פאַר יודען איז נאַטירליך דאָ אַ כּשר'ה קיך. בכלל איז דאָ פאַר יעדע נאַציאָנאַליטעט אַ בעזונדער עס צימער און בעזונדערע צימער צו שלאָפען. אין די באַראַקען איז שטענדיג דאָ אַ בעזונדערער פּאָליציי-קאָמיסאַר (אַ פּריסטאַו) וואָס איז מחויב אכטונג צו געבען אַז די געזעלשאַפט און די עמיגראַנטען זאָלען נישט איבערגעהן די אַלע תקנות וועלכע די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען. צו איהם קען זיך ווענדען יעדער עמיגראַנט יעדער מאָל ווען ער האָט אַ סכסוך מיט דער אַדמיניסטראַציאָן פון די באַראַקען.

אין האַמבורג טאָר דער עמיגראַנט אויך נישט געהן וואו ער וויל. באַלד ווי די אויסוואַנדערער קומען אָן אין באַראַק, לאָזט מען זיי אַלעמען אַרײַן אין אַ גרויסע שטוב, וואו יעדערער ווערט פריהער פאַר אַלץ אײַנגעשריבען אין בוך. עס איז רעכט אַז די אַללע וואָס פאָהרען אין די פערייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ זאָלען שוין וויסען דאָ פאָראויס אַז אַלע פראַגען וואָס ווערען נאָך געלעגט דעם עמיגראַנט אין באַראַק וועגען דעם ווי אַלט ער איז, ווי גרויס איז זײַן פאַמיליע, וואוהין און צו וועמען ער פאָהרט און מיט וואָס ער רעכענט זיך צו פערנעהמען, ווערען פערשריבען און איבערגעשיקט צוזאַמען מיט'ן עמיגראַנט אַהין וואו ער פאָהרט. דאָרטען, אויף אַנ'אָרט ווערט דאָס אַלץ קאָנטראָלירט און וועה איז דעם עמיגראַנט וואָס האָט נישט ריכטיג געענטפערט. אין אַ יאָהר אַרום נאָך, קען זיך טרעפען מען זאָל איהם אַרויס-שיקען פון די שטאַטען.

אַלזאָ ווערען די אויסוואַנדערער פריהער פאַר אַלץ אײַנגע-שריבען. דערבײַ טרעפט זיך אַז עס קומט אָן אַ גרויסע פּאַרטיע אַמאָל פון עטליכע הונדערט פּערזאָן, דעמאָלט מוזען די הונגריגע און פאַרמאַטערטע עמיגראַנטען אָבשטעהן שעות לאַנג אין דער ענגער שטוב אײנער אויף דעם אַנדערן ביז די פאַרשרײַבענעס

וועט זיך ענדיגען, ווייל פריהער לאזט מען קיינעם ניט ארוים. דעם ערשטען מעת-לעת פערברענגט דער עמיגראנט אין א שטוב, וואו די לופט איז שטארק פייכט; אויף מארגען אין דער פריה ווערט ער גאר איבערנייס אונטערזוכט פון א דאקטאר, דערנאך נויט מען איהם ווידער צו נעהמען א וואננע און זיינע זאכען ווערען נאך א מאל דעזינפעקצירט. אז דאס אלעס איז אבגעטהון געהן איבער די געזונדע עמיגראנטען אין די אנדערע העלפט באראקעס, און דארט בלייבען זיי שוין ביז'ן אבגאנג פון שיף. דעמאלט מעגען זיי געהן אין שטאדט אויך. אין גאנצען קען געדויערען דאס בלייבען אין האמבורג העכסטענס א טאג 6, אויב נאר דער עמיגראנט איז געזונד און מען געפינט אז ער טויג פאר דאס לאנד וואוהין ער פאהרט, ווייל אלע וואך געהען אב פון האמבורג שיפען אין אלערליי ריכטונגען; (אין ניו-יארק געהט אב דער שיף דאנערסטאג און שבת). מען שיקט געוועהנליך אב די עמיגראנטען אויף'ן שיף מיט א טאג פריהער.

אין ברעמען געהט צו מיט די עמיגראנטען אביסל אנדערס: דארט איז ניטא קיין בעזונדערע באראקעס פאר רוסישע אויסוואנדערער, דא מאג דער עמיגראנט אריינפאהרען אין איינעם פון די האטעלן וואס האבען די ערלויבניש צו האלטען עמיגראנטען נאר פון דעסטיועגען איז די בעלי-בתים פון די דאזיגע האטעלן שטרענג פערווערט אריינצולאזען נעכטיגען אזעלכע רוסישע עמיגראנטען וואס זענען נאך ניט דורכגעגאנגען דורך א קאנטראל-סטאנציע, אויף'ן גרעניץ אדער אין רוהלעבען. יעדער עמיגראנט מוז האבען אזא פאפיר וואס מען האט איהם ארויסגעגעבען אויף דער סטאנציע

אחוץ די אלגעמיינע איינריכטונגען פאר עמיגראנטען זענען אין דייטשלאנד פארהאן א סך בעזונדערע קאמיטעטען און ספעציעלע פערזאנען, וואס קומען צו הילף מיט עצות און געבען ידיעות די יודישע עמיגראנטען. אזוינע קאמיטעטען געפינען זיך אין די גרעניץ-שטעדט און אויך אין די גרויסע שטעדט: בער-לין, האמבורג, ברעמען א. ז. וו.; א גענויער צעטעל פון די

שטעֶדט, וואו עֶס געֶפִינעֶן זִיך דִי יודִישעֶ קאָמִיטעֶטעֶן, אִיז אָב-
געֶדרוקט צום סוף בּוּכ'ל.

---

## אַנְדעֶרעֶ לעֶנְדעֶר.

אִין האָלאַנד מעֶגעֶן דִי עֶמִיגראַנטעֶן בּלַייבּעֶן מִיט אַנ'עֶר-
לויבּנִיש פון פאָלִיצַיי בִּיז 2 מאָנאַטעֶן. בּײַם אַרײַנפאָהרעֶן אִין
לאַנד דאַרפעֶן זַיי ווײַזעֶן אַ שִיפס-קאַרטעֶ, און אויב זַיי האָבּעֶן נִיט,
דאַרפעֶן זַיי קויפעֶן בּאַלד אויף דעֶר גרעֶנִיץ. אִין ראָטעֶרדאַם
אִיז פאַרהאַן אַ ספּעֶציִעֶלעֶ קאָמִיסיעֶ, וואָס זאָרגט פאַר דִי עֶמִי-
גראַנטעֶן, און גִיט זַיי עֵצות און ידיעות. דִי עֶקספּעֶדִיטאָרעֶן דאַר-
פעֶן מאַכעֶן מִיט דִי עֶמִיגראַנטעֶן אַ שרִיפטלִיכעֶן אָבּמאַך, זַיי זעֶנעֶן
מחויב אויסהאַלטעֶן דעֶם עֶמִיגראַנט אִין וועֶג און צוויי טעֶג נאָכ'ן
אָנקומעֶן. וועֶגעֶן אומקעֶהרעֶן צורִיק דאָס געֶלד גִילטעֶן דִי זעֶלבּעֶ
געֶזעֶצעֶן, וואָס אִין דײַטשלאַנד. אויף'ן שִיף דאַרפעֶן דִי קאַיוטעֶן
פאַר עֶמִיגראַנטעֶן זײַן נִיט נעֶהעֶנטעֶר ווִי 1 מעֶטעֶר פון דעֶר מאַ-
שִינעֶן-אָבּטײַלונג. נעֶהמעֶן מִיט זִיך אִין קאַיוטעֶ מעֶג דעֶר עֶמִי-
גראַנט נאָר דִי נויטִיגסטעֶ זאַכעֶן. אֵיין מאָל אִין וואָך מעֶג עֶר
געֶהן צו זײַן בּאַגאַזש. פאַר פרויעֶן אָהן בּעֶגלײַטעֶר אִיז פאַרהאַן
אַ בּעֶזונדעֶרעֶ אָבּטײַלונג. דִי געֶזעֶצעֶן בּעֶשטִימעֶן געֶנוי ווִי אַזוי
עֶס דאַרף זײַן אײַנגעֶאָרדעֶנט דִי ווענטִילאַציעֶ, ווִי גרויס דִי בּעֶט-
לעֶך דאַרפעֶן זײַן א. ז. וו.; דאָס בּעֶטגעֶוואַנד מוז אַלעֶ טאָג געֶ-
לופטעֶרט וועֶרעֶן. בּײַ-טאָג געֶפִינעֶן זִיך דִי עֶמִיגראַנטעֶן אויף דעֶר
פאַלובּעֶ, אִין דִי פעֶרמאַכטעֶ קאַיוטעֶן וועֶרעֶן זַיי אַרײַנגעֶלאָזעֶן בּײַ
דעֶר נאַכט. אַלעֶ טאָג בּעֶקומט אַ פּאַסאַזשִיר דרײַ לִיטעֶר וואַסעֶר.
פון עֶסעֶנוואַרג דאַרף מִיטגעֶנומעֶן וועֶרעֶן פאַר יעֶדעֶר פּאַסאַזשִיר
אויף אַ וואָך: 1,500 גראַם בּרויט, 120 גר. קאַוועֶ, 750 גר. רײַז,
500 גר. מעֶהל, 2,500 גר. קאַרטאָפעֶל, 0,67 גר. אַרבּעֶס א. ז. וו..

אִין ראָטעֶרדאַם אִיז פאַרהאַן אַ בּעֶזונדעֶרעֶ יודִישעֶר קאָמִי-
טעֶט („מאָנטעֶפִיאָרעֶ-פעֶראֵיין"), וואָס האַלט אויס אַ בּעֶזונדעֶר אַכסניה
פאַר יודִישעֶ עֶמִיגראַנטעֶן מִיט אַ כּשר'עֶ קִיך. אַחוץ דעֶם זעֶנעֶן

פאַרהאַן יודישע קאָמיטעטען אין דעווענטער און אַמערספאָרט, און די וואָס פאָהרען פון מאַינץ קאָנען זיך ווענדען אין זעווענער צום דאָרטיגען ראַבינער ד"ר פּעטצאן.

אין אַנטווערפען (בעלגיען) איז פאַרהאַן אַ בעזונדער רעגי־רונגס־קאָמיסאַר, וואָס דאַרף זאָרגען און שיצען די עמיגראַנטען, געבען זיי עצות און צושטעלען ידיעות. דאָס רוב געזעצען זענען דאָרט די זעלבע, ווי אין די אַנדערע לענדער. אין די קאַיוטען פאַר עמיגראַנטען דאַרפען זיין טישען און בענק אויף צו עסען. אויף די שיפען, מיט וועלכע עס פאָהרען עמיגראַנטען, טאָר מען ניט פיהרען קיין פערד און בהמות. אויף עסען דאַרף גענומען ווערען פאַר יעדען פּאַסאַזשיר אויף אַ וואָך: 2,500 גראַם קאַר־טאָפעל, 2,500 גר. זיסע זעמעל, 750 גר. מעהל, 750 גר. אַר־בעס, 500 גר. רייז, 250 גר. פּוטער, 125 גר. געטריקענטע פרוכט, 125 גר. „שטאָקפיש", 2 הערינג, 70 גר. קאַווע, 50 גר. סיראָפּ, 50 גר. האָלענדישע קעז, 500 גר. זאַלץ, 15 גר. טיי; פאַר קינדער: 500 גר. געדיכטע מילך און 500 גר. קינדערשע מעהל. פאַר מוטערס מיט זויגעדיגע קינדער 100 גר. פלייש־עקסטראַקט, וואַסער 4 ליטער אַ טאָג אויף אַ פּאַסאַזשיר.

אויף דער פּאַלובע־מעגען די עמיגראַנטען שטענדיג אַרומ־געהן. דריי דעפּוטאַטען פון די עמיגראַנטען גיבען אַכטונג אויף דאָס עסען אין וועג. אויב דער עמיגראַנט ווערט קראַנק פאַר'ן אַוועקפאָהרען, צאָהלט מען איהם אויס פאַר די שיפס־קאַרטע.

אין אַנטווערפען און אין אַנדערע בעלגישע שטעדט זענען אויך פאַרהאַן בעזונדערע ביוראָ'ס פון דער רעגירונג, וואָס גיבען די עמיגראַנטען אַלערהאַנד ידיעות און עצות.

אין אַנטווערפען זאָרגט פאַר די יודישע עמיגראַנטען די צדקה־חברה ביי דער דאָרטיגער יודישער געמיינדע.

אין ענגלאַנד זענען אין אַלע פּאָרט־שטעדט פאַרהאַן ספּעציעלע בעאַמטע — „עמיגריישאָן אָפיסערס" — וואָס זאָרגען פאַר די עמיגראַנטען. די געזעצען וועגען דער איינאָרדנונג פון

די שיפען און עסען אין וועג זענען די זעלבע ווי אין די אנדערע אייראפעאישע לענדער.

פערשידענע יודישע חברות זענען פאראן אין ענגלאנד, דערהויפט אין לאנדאן, וואס קומען צו הילף די יודישע עמיגראנטען. די אדרעססען פון די חברות זענען פאלגענדע:

Jewish Emigrants Information Board
London, E. C. Bucklersbury 21;
Jewish Board of Guardians
London E. Middlesex Street Bishopsgate 127;
Jews' Emigration Society
London E. C. Eldon Street 27.

אין אויאייטשעפעל (אין לאנדאן) איז פאראן א בעזונדער גאסט-הויז פאר יודישע עמיגראנטען: Poor Iews Shelter.

---

## געזעצען וועגען דעם אריינפאהר פון עמיגראנטען אין פערשידענע לענדער.

דערהויפט איז פאר'ן עמיגראנט וויכטיג צו וויסען די געזעצען, וואס עקזיסטירען וועגען דעם אריינפאהר פון פרעמדע אין פערשידענע לענדער. איידער מען פאהרט ארויס, דארף מען זיך דערוויסען אפשר זענען ארויסגעגעבען געוואָרען נייע תקנות געגען דעם אריינפאהר פון פרעמדע. פיעל עמיגראנטען זענען אומגעקומען אדער האבען אנגעוואָרען זייער גאנצען פערמעגען איבער דעם, וואס זיי זענען אויעקגעפאהרען אין א לאנד, ניט וויסענדיג, צו מען וויל זיי אהין אריינלאזען אדער ניט. די געזעצען וועגען אריינפאהר ווערען באלד געדרוקט, אין אזעלכע לענדער ווי דייטשלאנד, בעלגיען גיט מען זיי דארט צו וויסען אלעמען, ווער עס האט בדעה צו עמיגרירען. מיר ברינגען דא די געזעצען פון פערשידענע לענדער וועגען אריינפאהר.

---

# ע נ ג ל א נ ד .

דאָס איז אַ לאַנד, אויף וועלכע עס פאָהרען פיעל יודישע עמיגראַנטען און וואו אַ סך פלעגען זיך ביז איצט בעזעצען — איצט איז דאָרט אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס ערשטע געזעץ וועגען דעם אַריינפאָהר פון פרעמדע. ביז אהער האָט אהין געמעגט אַריינפאָהרען וועלכער עס האָט געוואָלט. לויט דעם נייעם געזעץ מעגען די עמיגראַנטען אָנקומען נאָר אין געוויסע פאָרט-שטעדט אַנ'אויסנאַהם ווערט געמאַכט נאָר פאַר די עמיגראַנטען, וואָס פאָהרען דורך ענגלאַנד אין אַנדערע לענדער.

אַ עמיגראַנט ווערט גערעכענט פאַר אַ „ניט-געווינשטען" און ווערט ניט אַריינגעלאָזען אין לאַנד, אויב ער קאָן ניט בעווייזען, אַז ער וועט זיך פערדינען צום לעבען, אויב ער איז אַ משוגע'נער אָדער אויב מען קאָן מיינען אויף איהם, אַז מחמת קראַנקהייט אָדער שוואַכקייט וועט ער מוזען אָנקומען צו צדקה. עס ווערען ניט אַריינגעלאָזען אויך עמיגראַנטען, וואָס זיינען אין אַנ'אַנדער לאַנד פער'משפט געוואָרען פאַר אַ פערברעכען, פאַר וועלכען מען גיט אַרויס און וואָס איז ניט קיין פאָליטישעס פערברעכען. עס דאַרף אָבער אַריינגעלאָזען ווערען אַ עמיגראַנט, אפילו אָהן מיטלען צום לעבען און אַ שוואַכער, אויב ער וועט בעווייזען, אַז ער ראַטעוועט זיך פון פאָליטישע רדיפות.

אַ עמיגראַנט, וואָס מען האָט איהם ניט אַריינגעלאָזען אין לאַנד, מעג אַפּעלירען צו אַ ספּעציעלער עמיגראַציאָנס-קאָמיסיע פון 3 פּערזאָן, וואָס איינער פון זיי איז אַ פּאָליציי-בעאַמטער. דער מיניסטער פון אינערן האָט דאָס רעכט אַרויסשיקען „ניט-געווינשטע" עמיגראַנטען, אויב סוד פער'משפט זיי פאַר אַ פער-ברעכען. די עמיגראַנטען ווערען אַרויסגעשיקט אויף'ן חשבון פון דער שיפס-געזעלשאַפט, וואָס האָט געבראַכט דעם עמיגראַנט קיין ענגלאַנד.

· ענגלאַנד איז אָבער איצט בכלל קיין אָרט ניט פאַר יודישע עמיגראַנטען. דאָס רוב פון זיי פאָהרט אין די פעראייניגטע שטאַ-

טען פון אמעריקא; מיר וועלען זיך דעריבער געגויער אבשטע־
לען אויף די געזעצען פון דער מדינה.

---

## די פעראייניגטע שטאטען.

אין די פעראייניגטע שטאטען ווערען ניט אריינגעלאזען
פערזאנען, וואס קאנען אנקומען צו צדקה, דאס הייסט, אזוינע,
וואס לויט דער מיינונג פון די עמיגראציאנס־בעאמטע, וועלען זיי
ניט קאנען דערנעהרען זיך און זיי האבען אויך ניט קיין קרובים,
וואס זאלען זיי אויסהאלטען.

אויך ווערען ניט אריינגעלאזען אין לאנד: מענשען, וואס
לעבען פון בעטלעריי, וואס פאהרען אויף'ן חשבון פון צדקה חברות
אדער פון אנ'איינצעלנעם בעל־צדקה; פערזאנען, וואס מיט זיי איז
אפריהער געמאכט געווארען א קאנטראקט אויף ארבייט (אחוץ אר־
טיסטען, מאלערס, זינגער, גייסטליכע און לעהרער); פערזאנען וואס
ליידען אויף עקעלהאפטע אדער אנשטעקענדע קראנקהייטען (סיפי־
ליס, פארהעס, טובערקולאז, די פאליגע, טראהאמא); אידיאטען און
משוגעים און אויך אזוינע, וואס זענען פריהער עטליכע מאל אראב
פון זינען און נאכדעם געזונד געווארען; בלינדע, שטומע און מענשען
מיט אנדערע וויכטיגע פעהלערען, פראסטיטוטקעס, ארייגענארטע
מיידלעך, פרויען־הענדלער, און בכלל ניט מאראלישע מענשען;
אנארכיסטען; פערזאנען, וואס זענען פער'משפט געווען פאר א
קרימינאל־פערברעכען, אחוץ פאליטישע פערברעכער, וועלכע
האבען ניט בעגאנגען קיין מערדעריי.

אויב איינער, וואס געהערט צו די דאזיגע קאטעגאריעס,
וועט זיך אריינ'גנב'ענען אין לאנד, האט די רעגיערונג אין פער־
לויף פון 2 יאהר נאך זיין אנקומען דאס רעכט איהם צו ארעס־
טירען און ארויסשיקען צוריק אין די שטאדט, וואו ער האט זיך
געזעצט אויף'ן שיף.

יעדער אויסלענדער, וואס קומט צו פאהרען אין א אמערי־

קאַנזשען פּאָרט , ווערט אַרומגעקוקט דורך אינספּעקטאָרען און דאָקטוירים אָדער אויף׳ן שיף אָדער אויף אַ ספּעציעלער סטאַנציע . די אינספּעקטאָרען קוקען אַרום די עמיגראַנטען און פרעגען זיי אויס. מען דאַרף קיין זאַך ניט בעהאַלטען פון די אינספּעקטאָרען און זאָגען זיי נאָר דעם אמת. ווער עס פּלאָנטערט זיך אין די תשובות, ווערט באַלד אַוועקגעשיקט צוריק.

וואָס אָנבעלאַנגט דער מעדיצינישער אונטערזוכונג, איז אויב דער עמיגראַנט האָט אַ געזונדען אויסזעהען, בענוגענט מען זיך מיט׳ן אָנקוקען, אויב אָבער דער עמיגראַנט זעהט אויס קראַנק, קוקט מען איהם גוט אַרום. אויב דער דאָקטאָר געפינט ביים עמיגראַנט אַ קראַנקהייט אָדער אַ פעהלער, ווערט עס פערשריבען אין אַ פּראָטאָקאָל , און אויף דעם סמך ווערט דער עמיגראַנט אַריינגעלאָזען אָדער ניט . עס ווענדט זיך , וואָס אין פּראָטאָקאָל ווערט פערשריבען . אויב די קראַנקהייט איז ניט קיין געפעהר־ליכע און דער עמיגראַנט האָט קרובים, וואָס גאַראַנטירען, אַז ער וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו צדקה , לאָזט מען איהם אַריין. אַ בלינדער אויף איין אויג, אָדער אַ קאַליקער אויף איין פוס אָדער אויף איין האַנד, אויב אַזוי איז ער געזונד, ווערט אַריינגעלאָזען. פון דעסטוועגען האָט שוין געטראָפען פיעל מאָל אַז מען האָט ניט אַריינגעלאָזען עמיגראַנטען וואָס ליידען פון די ברוך אָדער וואָס פערהיקען זיך שטאַרק , אָדער אפילו אַזעלכע וואָס ליידען פון קיין קראַנקהייט ניט נאָר זייער אויסזעהן איז ניט קיין געזונדער. צו־פעליגע קראַנקהייטען, ווי טיפוס , לונגען ענטצינדונג , מאָזלען זענען ניט קיין מניעה ביים אַריינפאָהרען, אַזעלכע קראַנקע לעגט מען אין קאַזיאָנע שפּיטאָלען און נאָכדעם לאָזט מען זיי אַרויס .

געזונדע יונגע לייט , וואָס האָבען אַ קליינע סומע געלד (15—10 דאָלאַר) און אַנ׳אַדרעס פון קרובים אין אַמעריקאַ, ווע־רען אַריינגעלאָזען אין לאַנד אָהן שום מניעות.

עס ווערען פערקעהרט, פערהאַלטען אַזעלכע עמיגראַנטען:

1) וואָס עס איז אַ ספק, צי בעפרידיגען זיי אַלע בעדינגונגען, וואָס ווערען געפאָדערט פון די עמיגראַנטען, און 2) וואָס זייער

אַרײַנלאָזען װענדט זיך פון דעם ענטפער, װעלכען עס דאַרפען געבען זײערע אַמעריקאַנישע קרובים. צו דער לעצטער גרופּע געהערען פאָלגענדע עמיגראַנטען: געזונדע יונגע לײַט, װאָס בע-פרידיגען אַלע בעדערפנישען, האָבען אָבער קײן געלד ניט; פאַ-מיליעס, װאו עס זענען ניטאָ קײן קראַנקע, װאָס האָבען אָבער כמעט קײן געלד ניט; פרויען אָהן אָדער מיט קינדער, װאָס פאָה-רען צו די מאַנען; ניט דערװאַקסענע, װאָס פאָהרען צו עלטערען אָדער קרובים; מײדלעך װאָס פאָהרען אַלײן; אַזעלכע עמיגראַנ-טען, װאָס פון דער פּאָרט-שטאָדט פאָהרען זײ װײַטער, און װאַר-טען אויף געלד פון קרובים אָדער עלטערן. פרויען װערען אָב-געלאָזען באַלד װי זײערע מענער קומען זײ אָבנעהמען. קינדער װערען אָבגעלאָזען, װען עלטערן אָדער קרובים קומען זײ אָבנעה-מען. מײדלעך װערען אָבגעלאָזען נאָר װען עס קומען זײ אָבנעה-מען די עלטערן אָדער קרובים װעלכע האָבען פאַמיליעס; אויב עס קומען קרובים דאַרפען קומען מאַן און װײַב; אויב עס יועט קומען נאָר דער מאַן אָדער די װײַב אָדער אַ קרוב, װאָס האָט נאָך ניט חתונה געהאַט, װערט דאָס מײדעל ניט אַרויסגעלאָזען. אַזעלכע תקנות זענען אײנגעפיהרט, כדי מען זאָל ניט אַרײַננאַרען מײדלעך אין שענדליכע הײַזער.

יעדער עמיגראַנט, װאָס בלײַבט ניט אין פּאָרט-שטאָדט און פאָהרט װײַטער, דאַרף האָבען אַ באַהן-בילעט און ניט װעני-גער װי 10 דאָלאַר אויף הוצאות. װער עס האָט ניט קײן בילעט און קײן געלד, אָדער װעמען עס פעלט אײנס פון די בײדע, דאַרף עס בעקומען פון די קרובים.

די עמיגראַנטען מעגען בעקומען שטיצע נאָר פון קרובים, און ניט פון פרײַנד און בעקאַנטע. די אינספּעקטאָרען פרעגען גענוי אויס די קרובים, װאָס קומען אָבנעהמען די עמיגראַנטען, כדי צו דערגעהן, צי זענען דאָס באמת קרובים.

אין געװיסע פעלען, למשל, װען דער קרוב קומט ניט אָב-נעהמען און שיקט ניט קײן געלד אויף הוצאה, אָדער װען עס

שטעלט זיך אַרויס, אַז דער, וואָס איז געקומען אָבנעהמען דעם עמיגראַנט איז גאָר קיין קרוב ניט, ווערט דעם עמיגראַנט געמאַכט אַ „ספּעציעלע אונטערזוכונג".

די „ספּעציעלע אונטערזוכונג" מאַכט אַ קאָמיטעט פון 3 אינספּעקטאָרען. דער קאָמיטעט פרעגט אויס דעם עמיגראַנט צו־גלייך מיט דעם קרוב, וואָס איז איהם געקומען אָבנעהמען. אויב קיין קרוב איז צו אַ געוויסען טערמין ניט געקומען, ווערט דער עמיגראַנט אַליין אויסגעפרעגט. עס מעגען זיך אָננעהמען פאַר'ן עמיגראַנט נאָהענטע קרובים, און זיי דאַרפען בעווייזען דעם קאָ־מיטעט, אַז זיי האָבען מיט וואָס איהם אויסצוהאַלטען און ער וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו צדקה. כדי עס צו בעווייזען דאַרף מען ברענגען בּיכלעך פון באַנק, דאָקומענטען אויף הייזער און דעסגל. מזומן-געלד ווערט פאַר קיין ראיות ניט גערעכענט. אויב דער קרוב, וואָס איז געקומען אין קאָמיטעט, קאָן ניט גאַראַנטירען, אַז ער וועט אויסהאַלטען דעם עמיגראַנט, מעג נאָכדעם קומען אַ צווייטער קרוב, אָבער ער דאַרף זיין ניט קיין ווייטערער קרוב פאַר'ן ערשטען און ניט אָרימער פאַר איהם. אויב דער קרוב וועט אויך ניט ברענגען דעם קאָמיטעט קיין גענויע ראיות, ווערט שוין מעהר קיינער ניט דערלאָזען, סיידען עס זאָלען קומען אַזעלכע נאָהענטע קרובים, ווי עלטערן, ברידער אָדער שוועסטער מיט גענויגע גאַראַנטיעס.

דער קאָמיטעט מעג אַריינלאָזען דעם עמיגראַנט, מעג איהם ניט אַריינלאָזען און מעג אָבלעגען די פראַגע ביז אַ שפּעטערדיגען טערמין.

די בעשטימונג ווערט אָבגעלעגט, אויב דער עמיגראַנט האָט ניט קיין געלד, ער רעכענט אָבער אַז נאָהענטע קרובים וועלען איהם העלפען און וועלען נאָך צושטעלען די נויטיגע גאַ־ראַנטיעס.

ביז דער בעשטימונג ווערען די עמיגראַנטען פערהאַלטען און זיי ווערען געשיקט צוריק, אויב צו דעם בעשטימטען טער־

מיִן קומען ניִט די קרובים אָדער זײ שטעלען ניִט צו די נויטיִגע סומע געלד און די גאַראַנטיעס [1]).

די עמיִגראַנטען ווערען געשיִקט צוריִק מיִט'ן שיִף, מיִט וועלכען זײ זענען געקומען, אָדער מיִט'ן ערשטען שיִף פון דער־זעלבער געזעלשאַפט. עס טרעפט, אַז מען שיִקט צוריִק דעם עמיִגראַנט דעמזעלבען טאָג, וואָס ער איז געקומען, נאָר געוועהנ־ליִך דויערט עס אַ פּאָר טעג.

יעדער עמיִגראַנט, וואָס מען האָט איהם ניִט אַרײַנגעלאָזען אין לאַנד, מעג זיִך ווענדען מיִט אַ בקשה צום הויפּט־קאָמיִסאַר איִבער די עמיִגראַציע איִן וואַשיִנגטאָן. איִן דער בקשה דאַרף ער אָנווײַזען אויף וואָס פאַר אַ סמך פאָדערט ער מען זאָל איהם אַרײַנלאָזען (למשל, אַז ער איִז געזונד, אַז ער האָט רײַכע קרובים א. ז. וו.). איִן דער בקשה קאָן דער עמיִגראַנט אָנווײַזען נאָר אויף פאַקטען, וועלכע זענען מיִטגעטײַלט געוואָרען איִן דער זיִ־צונג פון קאָמיִטעט. וואָס ס'איִז ניִט געזאָגט געוואָרען איִן קאָמיִ־טעט, קאָן ניִט דערמאָהנט ווערען אויִך איִן דער בקשה. אויב, למשל, דער עמיִגראַנט בעווײַזט, אַז ער וועט ניִט דאַרפען אָנקו־מען צו צדקה, קאָן ער איִן זײַן בקשה אָנווײַזען נאָר אויף די

[1]) געוועהנליך בעט מען פון די קרובים געלד און גאראנטיעס מיט א דעפעש. דער בעאמטער פון דער סטאנציע פאר עמיגראנטען אדער דער אגענט פון דער צדקה־הברה, וואס געפינט זיך אויף דער סטאנציע, שיקט די דעפעש, וואוהין דער עמיגראנט ווייזט איהם אן. געוועהנליך דעפעשירט מען אזוי Send twenty dollar and proof of ability and willingnes to support (דאס הייסט: שיקט 20 דאלאר אין ראיות, אז איהר ווילט און קאנט גאראנ־טירען פאר מיר). אויב דער קרוב געפינט זיך אין דער זעלבער שטאדט, וואוהין דער עמיגראנט איז געקומען, איז דאס בעסטע ער זאל אליין קומען מיט די געלד און די ראיות. אויב ער וואוינט אין אנ'אנדער שטאדט, קאן ער דאס ארויסשיקען פער פאָסט. די גאראנטיעס דארפען זיין גע'חת'מעט ביים נאטאריוס; עס דארף שטעהן אין זיי וואס פאר א קרוב איז ער דעם עמיגראנט, וויפיעל ער פערדינט און וואס פערמעגט ער, מיט וואס פערנעהמט ער זיך, און אויך דארף זיין אריינגעשריבען, אז ער נעהמט אויף זיך אויסהאלטען דעם עמיגראנט, ביז וואנען ער וועט זיך געפינען אנ'ארבייט.

קרובים, וועלכע זענען געקומען אין קאמיטעט און ניט אויף אנ-דערע. געוועהנליך נעהמט מען אנ׳אדוואקאט אויף אנגעבען די בקשה. דער אדוואקאט האט ניט דאס רעכט צו נעהמען מעהר ווי 10 דאלאר פאר דערלאנגען די בקשה.

איידער די בקשה ווערט אנגעגעבען, דארף מען וועגען דעם מודיע זיין דעם עמיגראציאנס־בעאמטען. דאס קאן מען טהון האטש אמינוט פאר דעם, איידער מען שיקט דעם עמיגראנט אויף׳ן שיף, וואס וועט איהם אוועקפיהרען צוריק. דער עמיגראנט ווערט דעמאלט געלאזען אין דער סטאנציע אויף וויטער. נאכ-דעם אבער ווי דער עמיגראנט איז אוועקגעשיקט געווארען פון דער סטאנציע צום שיף, קאן ער קיין בקשה ניט אנגעבען. ווען דער עמיגראנט מעלדעט, אז ער וויל אנגעבען א בקשה (אנ׳אפע-לאציע), גיט מען איהם דערצו 36 שעה צייט. גיט ער ניט אן אין פערלויף פון דער צייט די בקשה, פערליערט ער זיין רעכט עס צו טהון. דער עמיגראנט וואס דערלאנגט אנ׳אפעלאציע, ווערט אויסגעפרעגט פון דעם קאמיסאר, וועלכער דארף צושטע-לען זיין מיינונג דעם הויפט־קאמיסאר אין וואשינגטאן. אנ׳ענטפער פון וואשינגטאן קומט געוועהנליך אין 4—3 טעג ארום. איידער די אפעלאציע איז אבגעשיקט געווארען קיין וואשינגטאן, קאן מען זי נעהמען צוריק, אויב עס איז געקומען א רייכער קרוב מיט גאראנטיעס; אויב דער קרוב האט ניט געהאלפען, קאן מען פא-דערן, די אפעלאציע זאל אבגעשיקט ווערען.

אויף דער עמיגראציאנס־סטאנציע אין ניו-יארק (אויף דער אינזעל עליס־איילענד) געפינען זיך שטענדיג פארשטעהער פון 2 גרויסע יודישע חברות: „יונייטעד היברו טשאריטיס“ און „היברוּ אימיגרענט אייד סאסאיעטי“. זיי העלפען זעהר פיעל די עמי-גראנטען, זיי זאגען זיי צו וועמען מען דארף זיך ווענדען, וואוהין פאהרען, ווי אזוי אנשרייבען א בריעף אדער א דעפעש א. ז. וו.; אלע עצות און ידיעות גיבען זיי אומזיסט.

---

# קאַנאַדאַ.

בּיז דער לעצטער צײַט האָבּען עמיגראַנטען געמעגט פרײַ אַרײַנפאָהרען אין קאַנאַדאַ. נאָר לויט דעם לעצטען בּעפעהל פון דער קאַנאַדישער רעגירונג ווערען ניט אַרײַנגעלאָזען אין לאַנד עמיגראַנטען, וואָס האָבּען ניט צו ווײַזען בּײַם אַרײַנפאָהר הונדערט רובּל מזומן געלד און אַ בּאַהן-בּילעט בּיז דער סטאַנציע, וואוהין זיי פאָהרען. עמיגראַנטען וואָס האָבּען קרובים, וועלכע נעהמען אויף זיך זאָרגען פאַר זיי און אַיינאָרדנען זיי, ווערען אַרײַנגעלאָזען אַפילו ווען זיי האָבּען ניט צו ווײַזען קײן געלד. אויך ווערען ניט אַרײַנגעלאָזען אין לאַנד עמיגראַנטען, וואָס לײַדען אויף אָנשטע-קענדע אָדער עקעלהאַפטע קראַנקהײַטען, דערהויפּט אויף פאַרחעס (Favus) און די אויגענקראַנקהײַט טראַחאָמאַ, געזונדטע און שטאַרקע אַרבּײַטער, וואָס האָבּען בּאַהן-בּילעטען בּיז די מערב-פּראָווינצען, ווערען אַמאָל אַרײַנגעלאָזען אַפילו ווען זיי האָבּען ניט אַזוי פיעל געלד, ווי עס ווערט געפאָדערט.

פאַר די עמיגראַנטען, וועלכע ווילען דורך קאַנאַדאַ פאָהרען אין די פעראײניגטע שטאַטען, זענען דאָרט אַיינגעאָרדענט די זעלבּע סטאַנציעס, ווי אין די פּאָרטען פון די פעראײניגטע שטאַטען.

דעריבּער דאַרף מען זיך ניט אײַנרײדען אַז דורך קאַנאַדאַ קאָן מען לײַכטער דורכגעהן אין די פעראײניגטע שטאַטען. אַזעלכע עמיגראַנטען, וואָס די שטאַטען וועלען זיי ניט אַרײַנלאָ-זען, וועט די קאַנאַדער רעגיערונג אויך אָבּשיקען צוריק.

אויסער דעם דאַרף מען וויסען אַז אין קאַנאַדאַ איז ניטאָ צו וועמען צו געבּען אַנ'אַפּעלאַציע אַז מען לאָזט ניט אַרײַן. פונדעסטוועגען, אויבּ דער עמיגראַנט איז איבּערצײַגט אַז עס איז אַרויסגעקומען אַ טעות אָדער אויבּ די בּעאַמטע זענען פראָסט אונגערעכט, קענן ער זיך ווענדען אין אינסטיטוט פון בּאַראָן הירש, („Baron de Hirsch Jnstitute") וועלכער עס געפינט זיך אין מאָנטרעאָל (250, Bleury Street)

# דָרוֹם־אַפְרִיקַא.

אִין קאַפּלאַנד (ווִי אויךְ אִין נאַטאַל) אִיז פֶערבאָטֶען אַרַיינ־פאָהרֶען פאָלגֶענדֶע פֶּערזאָנֶען:

1) אַזֶעלכֶע, וואָס קֶענֶען נִיט אָנשרַייבֶּען פאַר׳ן בֶּעאַמטֶען אַ בַּקשה צוּם מִינִיסטֶער אויף ווֶעלכֶען נִיט אִיז אֵייראָפּעאִישֶען לשון (זשאַרגאָן ווֶערט אויךְ גֶערֶעכֶענט פאַר אַ אֵייראָפּעאִישֶע שפּראַךְ, פונדֶעסטוועגֶען טרֶעפט זִיךְ, אַז דִי בֶּעאַמטֶע ווִילֶען נִיט אַרַיינלאָזֶען עֶמִיגראַנטֶען, וואָס קאָנֶען שרַייבֶּען נאָר אויף זשאַר־גאָן); 2) אַזֶעלכֶע, וואָס האָבֶּען נִיט גֶענוּג מִיטלֶען צוּם לֶעבֶּען אָדֶער וואָס לאָזֶען מֵיינֶען, אַז זֵיי ווֶעלֶען אָנקוּמֶען צוּ צדקה (אִין דֶער פּראַקטִיק פאָדֶערט מֶען בַּיים אַרַיינפאָהר 20 פוּנט שטֶערלִינג, אַרוּם 190 רוּבּל); 3) אַזֶעלכֶע, וואָס זֶענֶען פֶּער׳משפט גֶעוואָרֶען פאַר רציחה, גֶעוואַלט־אָנטהוּן, גנבה, אָבּנאַרֶערַיי, פאַלש עֵדוּת־זאָגֶען, אָדֶער אַזֶעלכֶע, וואָס זֶענֶען פֶערמִישט אִין אַזוֶּעלכֶע פֶערבּרֶע־כֶען און דֶער מִינִיסטֶער גֶעפִינט, אַז זֵיי זֶענֶען נִיט־גֶעווִינשטֶע עֶמִיגראַנטֶען; 4) אִידִיאָטֶען, משוגעים און לוּנאַטִיקֶעס; 5) פֶער־זאָנֶען, וואָס פֶערנֶעהמֶען זִיךְ אַלֵיין אָדֶער צִיהֶען זֵייעֶר חיונה פוּן פּראָסטִיטוּציעֶ, און אַזֶעלכֶע, וואָס לַיידֶען אויף אָנשטֶעקֶענדֶע קראַנקהַייטֶען; 6) אַזֶעלכֶע, וואָס אויף׳ן סמךְ פוּן אַ מִיטטֵיילוּנג פוּן דֶער עֶנגלִישֶער אָדֶער אַנ׳אויסלֶענדִישֶער רֶעגִירוּנג ווֶעט דֶער מִי־נִיסטֶער גֶעפִינֶען, אַז זֵיי זֶענֶען „נִיט־גֶעווִינשטֶע עֶמִיגראַנטֶען".

פֶּערזאָנֶען, וואָס האָבֶּען זִיךְ אַרַיינגֶע׳גנב׳עֶט אִין לאַנד גֶעגֶען דִי תקנות, קאָנֶען אויף אַ גֶעווִיסֶע צַייט אַרַיינגֶעזֶעצט ווֶערֶען אִין טוּרמֶע און נאָכדֶעם שִיקט מֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן לאַנד.

דִי דאָזִיגֶע תקנות ווֶערֶען אָבֶּער נִיט אָנגֶעווֶענדֶט אויף אַ פרוֹי און נִיט־מִינדִיגֶע קִינדֶער, און אִין אַנדֶערֶע פֶעלֶען אויךְ אויף בּרִידֶער און שוועסטֶער פוּן אַנ׳עֶמִיגראַנט, וואָס זִיצט שוֹין אִין דרוֹם־אַפרִיקאַ אָדֶער וואָס האָט בֶּעקוּמֶען אַנ׳עֶרלויבּנִיש זִיךְ דאָרט צוּ בֶּעזֶעצֶען.

עֶס קאָנֶען אַרַיינגֶעלאָזֶען ווֶערֶען אִין קאַפּלאַנד אויךְ עֶרד־אַר־

ביַיטער און אַנדערע אַרבּײַטער, בּעלי־מלאכות, מעכאַניקעס, אַר־בּײַטער אין די גרובּען, הויזבּעדינטע, אויבּ זיי האָבּען אַ פּאַפּיר פון דעם הויפּט־אַגענט פון דער קאָלאָניע אין לאָנדאָן (זײַן אַדרעס איז: London S. W. 98 Wictoria str.), אַז אַ געוויסער בּעל־הבּית פון דער קאָלאָניע האָט געמאַכט מיט זיי אַ קאָנטראַקט, זיי זאָלען אַרבּײַטען בּײַ איהם אַ לענגערע צײַט.

די וואָס ווילען זיך בּעזעצען אין טראַנסוואַל און אין דער קאָלאָניע פון אָראַנזש-טײַך (די געוועזענע אָראַנזש־רעפּובּליק) דאַרפען אַפריהער שיקען אַ בּקשה אויף'ן נאָמען פון רוססישען קאָנזול אין דער פּאָרט־שטאָדט, וואוהין זיי פאָהרען מען זאָל זיי אַרײַנלאָזען אין לאַנד; אַזאַ ערלויבּניש הייסט אַ פּערמיט.

נאָר די לעצטע צײַט איז דער אַרײַנפאָהר אין טראַנסוואַל זעהר שווער און די קאַנצעלאַריעס וואו מען בּעקומט די פּער־מיט'ן טאָרען מעהר ניט אַרויסגעבּען ווי 30 אַ מאָנאַט.

מען קען אָנגעבּען די בּקשה צו קריגען אַ „פּערמיט" שוין אין קאַפּשטאַט (אין טראַנסוואַל מוז מען פאָהרען דורך קאַפּלאַנד). אויף צו קומען אין קאַפּשטאַט מוז ער האָבּען, ווי מיר האָבּען שוין געזאָגט, ניט ווענינער ווי 20 פונט סטערלינג (כּמעט 200 רובּל) מזומן אָדער אַנ'אָנווײַזונג אויף אַ בּאַנק. אָבּער מען זאָל איהם אַרײַנלאָזען אין טראַנסוואַל מוז ער ווידער האָבּען גאַנצע 20 פונט סטערלינג, און אויבּ ער האָט פון די פריהערדיגע 20 פונט שוין אויסגעגעבּען עטליכע שיללינג, וועט מען איהם געוויס ניט אַרײַנלאָזען. אויבּ דער עמיגראַנט האָט דאָס נייטיגע געלד, דאַרף ער זיך ווענדען אין אַ בּעזונדערע אַנשטאַלט אין קאַפּשטאַט („Permit Office") און דעמאָלט מוז ער געוועהנליך ערסט וואַרטען 6—8 וואָכען, בּיז עס קומט אָן זײַן אָטשערעד צו קרי־גען אַ „פּערמיט".

די וואָס האָבּען אין טראַנסוואַל קרובים אָדער פרײַנד קענען טהון אַנדערש. אַזאַ עמיגראַנט דאַרף שרײַבּען צו זײַנע פרײַנד דרײַ מאָנאַט פאַר זײַן אַוועקפאָהר אַז זיי זאָלען דאָרטען אין יאָ־

האַניסבורג אָנגעבען אַ בקשה אין דאָרטיגען Permit Office, מען זאָל זיי געבען פאַר איהם אַנ'ערלויבניס אַרייַנצופאָהרען. דער וואָס בעט דאָס דאַרף דערלאַנגען אַזאַ בעזונדערן בלאַנק אונטערשרייבען פון צוויי פערזאָנען וואָס קענען איהם, און דערבייַ דאַרף ער אויפווייַזען מיט אַ שבועה אַז דער עמיגראַנט איז איהם זעהר נויטיג צו זיינע געשעפטען, אָדער אַז ער וועט איהם אויסהאַלטען אויף זיין חשבון ביז ער וועט קריגען אַרבייט. אויף אַזאַ אופן גיט די יאָהאַניסבורגער קאָנטאָר אַרויס אַ פערמיט.

דאָ דאַרף מען אויך וואַרטען 8—6 וואָכען, אָבער דערפאַר דאַרף דערנאָך דער עמיגראַנט ניט וואַרטען אין קאַפשטאַט (אויב נאָר זיינע פרייַנד האָבען אָנגעגעבען די בקשה אין טראַנסוואַל צו דער צייט) דער עמיגראַנט דאַרף נאָר געבען אַ דעפעש זיינע פרייַנד אַז ער איז אָנגעקומען אין קאַפשטאַט און געבען צו וויסען זיין אַדרעס; אויב אַלץ איז אין אָרדנונג בעקומט ער זיין פערמיט אויפ'ן דריטען טאָג.

וואָס אָנבעלאַנגט פרויען און קינדער, לאָזט מען זיי אַרייַן גאָר פריי, אַז זיי קענען נאָר דערווייַזען אַז זיי פאָהרען צום מאַן אָדער צום פאָטער אָדער אַפילו צו אַ פרעמדען וואָס נעמט זיך אָן זיי אויסצוהאַלטען, די זעלביגע זאַך קען מען זאָגען פון יונגע לייט ביז 16 יאָהר (עס קען זיך נאָר טרעפען אַז מען זאָל מוזען אויפווייַזען אַז דער יונגער מאַן איז ניט עלטער. די בריעף פון די פרייַנד און פון די אייגענע, וואָס נעהמען זיך אָן אויסצוהאַלטען די יונגע לייט, מוזען זיין ווי געהעריג זאַיאַוועט (פערזיכערט) ביי אַ נאָטאַריוס.

---

# אויסטראַליען.

אין אויסטראַליען איז פערבאָטען אַרייַנצופאָהרען פאָלגענדע פערזאָנען:

1) די וואָס קאָנען ניט אָנשרייַבען לויט דער פאָדערונג פון

בעֶאַמטען 50 ווערטער אויף אַ אייראָפּעאישע שפּראַך (אין ניי-זעלאַנד דאַרף מען קאָנען אָנשרייבען אַ בקשה ווענען אַריינפּאָהר אין לאַנד, אין מערב-אויסטראַליען דאַרף מען קאָנען 50 ווערטער אָנשרייבען אויף ענגליש).

2) אַזעלכע, וואָס קאָנען לויט דער מיינונג פון בעאַמטען אָדער מיניסטער, אָנקומען צו צדקה-חברות.

3) אידיאָטען און משוגעים.

4) פּערזאָנען, וואָס זענען אין די לעצטע דריי יאָהר פאַר'ן קומען צופאָהרען פער'משפּט געוואָרען פאַר אַ פערברעכען (ניט קיין פּאָליטישען) צו זיצען אין טורמע ניט ווייניגער ווי אַ יאָהר.

6) פּראָסטיטוטקעס און פּערזאָנען, וואָס לעבען פון פּראָסטיטוציע.

7) פּערזאָנען, וואָס האָבען געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף אַרבייטען אין אויסטראַליען.

פרויען און קינדער ביז 18 יאָהר (אין ניי-זעלאַנד — אַלע קינדער) ווערען אַריינגעלאָזען אין לאַנד, ווען אַפילו זיי בעפרידיגען ניט די דאָזיגע בעדינגונגען, אויב דער מאַן אָדער פאָטער, מיט וועלכען זיי פאָהרען, ווערט אַריינגעלאָזען.

אויב דער עמיגראַנט ערפילט ניט נאָר די בעדינגונג פון 1-טען פונקט (אויב ער קען ניט שרייבען), קאָן ער אַריינגעלאָזען ווערען אויף פאָלגענדע תנאים: 1) ער דאַרף איינצאָהלען ביים אַריינפאָהרען 100 פונט שטערלינג (1,000 רובל בערך); 2) אין פערלויף פון 30 (אין ניי-זעלאַנד — 14) טעג דאַרף ער בעקומען פון דער רעגירונג אַ פּאַפּיר אַז פאַר איהם ווערט געמאַכט אַן'אויסנאַהם פון די עמיגראַציאָנס-געזעצען. אויב דער עמיגראַנט שטעלט צו דעם פּאַפּיר צו דער צייט, ווערט איהם דאָס געלד אומגעקעהרט צוריק; אויב ניט, דאַרף ער אַרויספאָהרען פון לאַנד אָדער זיין געלד (דאָס גאַנצע אָדער אַ טייל) איז פערפאַלען.

---

# אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל.

צולעֶצט װעלעֶן מיר זאָגעֶן אַ פּאָר װעֶרטעֶר װעֶגעֶן דעֶם אַרײַנפאָהר אין אֶרץ-ישׂ־אֵל. אין 1891-טעֶן יאָהר איז אַרױסגעֶגעֶבעֶן געֶװאָרעֶן אַ בּעֶפעֶהל, אַז יודישעֶ עֶמיגראַנטעֶן טאָרעֶן ניט אַרײַנפאָהרעֶן אין לאַנד. עֶס װעֶרט עֶרלױבט אַרײַנפאָהרעֶן נאָר אױף אַ צײַט. די עֶמיגראַנטען קאָנעֶן אָבעֶר אַרײַנפאָהרעֶן, אױב קרובים אָדעֶר בּעֶקאַנטעֶ װעֶלעֶן זײ קומעֶן אָבּװאַרטעֶן. די אָרטיגעֶ אַדמיניסטראַציעֶ גיט אָפט אַרױס נײַעֶ תקנות װעֶגעֶן אַרײַנפאָהר, דעֶריבּעֶר דאַרף מעֶן זיך ניטיג פאַר'ן אָפּפאָהרעֶן אָנפרעֶגען, װי האַלט עֶס איצט. נאָכפרעֶגעֶן װעֶגעֶן דעֶם קאָן מעֶן זיך אָדעֶר אין אינפאָרמאַציאָנס-בּיוראָ בּײַם צעֶנטראַל-קאָמיטעֶט פון „יק"אַ" אין פּעֶטעֶרבּורג, אָדעֶר בּײַ דעֶר אָדעֶסעֶר פּאַלעֶסטינאַ-חברה (O-во вспомощ. евреямъ землед. въ Сиріи и Палестинѣ, Одесса).

## דער צעטטעל פון די ערטער און די פערזאנען צו וועלכע יודישע עמיגראנטען קעננען זיך ווענדען אין דייטשלאנד נאך אללערליי עצות און ידיעות:

א) אויף די גרענעצן:

Memel (Bajohren)—Rechtsanwalt Jacobssohn.
Tilsit—Eugen Laaser.
Insterburg—Rabbiner Dr. Beermann.
Gollub—Apotheker Adolf Risenfeld.
Eydtkuhnen—Isidor Berlowitz.
Prostken—Jacob Schidorsky.
Soldau (Illowo)—Rabbiner Pessen.
Thorn (Ottlotschin)—D. Wolff.
Inowrazlaw—Leo Davidsohn.
Ostrowo—Rabbiner Dr. Freund.
Myslowitz—Rabbiner Dr. Norden.
Kattowitz—Stadtrat Salomon Wiener.
Ratibor—Rabbiner Dr. Dienemann.

ב) גרויסע שטערט:

Aachen—Rabbiner. Dr. Jaulus (Rendantur der jüdischen Gemeinde).
Berlin—Centralbureau für jüdische Auswanderungsangelegenheiten, W. 35, Lützowstr. 8.
Bremen—Rabbiner Dr. Rosenak.
Breslau—Prof. Dr. Badt, Paradiesstr. 1.
Dresden—Rabbiner Dr. Winter.
Frankfurt a. M.—Israelitischer Hilfsverein, Langestr. 30.
Hamburg—Paul Laskar, Grimm 11.
Mainz—E. Simon, Bankier.
München—Rabbiner Dr. Werner, Herzog Max. Str. 3.
Nürnberg—Martin Lebrecht sen., Weinmarkt. 2.
Stettin—Justizrat Dr. Mann, Am Königstor 9.

# אלערליי אויסלענדישע געלד.

| דער גאָמען פון'ס לאנד | דער נאמען פון דער מטבע | די ווערדע אין רוססישע געלד |
|---|---|---|
| אויסטראליע | ווי אין ענגלאנד | — |
| עסטרייך-אונגארן | 1 קראָנע=100 העלל.=50 קר. | ארום 40 קאפ' |
| ענגלאנד | 1 פונט סטערלינג=20 שיללינג | „ 9.50 רובל |
| | 1 שיללינג=12 פענס | |
| | 1 פענס=4 פאַרטינג | |
| | 1 גינע=21 שיללינג | „ 10 רובל |
| ארגענטינע | 1 פעזאָ גאָלד=100 סענטאוואס | „ 1.86 רובל |
| | 1 פעזאָ פאפיר=100 סענטאוואס | „ 82 קאפ' |
| בעלגיען | ווי אין פראנקרייך | |
| בראזיליע | 1 מילרייס אין גאלד=1000 רייס | „ 1.10 רובל |
| | 1 מילרייס אין פאפיר=1000 רייס | „ 46—47 ק' |
| דייטשלאנד | 1 מארק=100 פעניג | „ 46 קאפ' |
| האללאנד | 1 גולדען=100 צענט | „ 78 קאפ' |
| איטאליען | 1 לירע=100 טשענטעזימי | „ 37 קאפ' |
| קאנאדא | ווי אין די פעראייניגטע שטאטען | — |
| נארד־אמעריקאנ. פעראייניגטע שט. | 1 דאָללאר=100 צענט | „ 1,95 רובל |
| טירקייא | 1 פיאסטער=100 פאַראַ | „ 9 קאפ' |
| | 1 לירע=100 פיאסטער | „ 9 רובל |
| | 1 מעדזשזידע (זיל.)=9. פיאסטער | „ 1,60 רובל |
| פראנקרייך | 1 פראנק=100 סאנטים | „ 37 קאפ' |
| דרום־אפריקא | ווי אין ענגלאנד | — |

# שיפען פאר עמיגראנטען

די פרייזען וועלכע עס ווערען דאָ אָנגעוויזען בייטען זיך אָפט.

| פון | ליבאו אדער ריגא [1] | | האמבורג [2] | | ברעמען | | ראטטערדאם | | אנטווערפען | | לאנדאן | | סאוטהאמפטאן | | ליווערפול | | גענוא | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ביז איינעם פון די פאלגענדע פארטען | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב | פרייז פיר א פלאץ אין 3-טן קלאס (פאלובע) | ווען דער שיף געהט אב |
| | רובל | | מארק | | מארק | | מארק | | מארק | | פ' סטערלינג | | פ' סטערלינג | | פ' סטערלינג | | פראנק | |
| קוועבעק | 78 | | — | — | — | — | 80 | (זומער) | 130 | (זומער) | — | — | — | — | 5½ | | — | — |
| סען־דזשאן | — | | 160 | — | — | — | 120 | (ווינט') | 130 | (ווינטער) | — | — | — | — | 5½ | | — | — |
| האליפאקס | — | איין מאל אין וואך | 150 | — | — | — | — | איין מאל אין וואך | — | — | — | — | — | — | — | איין מאל אין וואך | — | — |
| ניו־יארק | 70 | | 140—180 | 1 מאל ארער 2 מאל אין וואך | 160—180 | 1 מאל אדער 2 מאל אין וואך | 156 | | 154 | 1 מאל אין וואך | — | — | — | — | — | | 155—190 | 1 מאל אין וואך |
| פילאדעלפיע | 74 | | ... | — | — | — | — | | 154 | 1 מאל אין 2 וואכען | — | — | — | — | — | | — | — |
| באלטימאר | — | | — | — | 160 | 1 מאל אין וואך | — | | — | — | — | — | — | — | — | | — | — |
| סאן־פראנציסקא | — | | — | — | — | — | — | | — | — | — | — | 18 | — | — | | — | — |
| ריא־זשאניירא | — | | 150—220 | 2 מאל אין חודש | 150 | 1 מאל אין 2 וואכען | — | | — | — | — | — | 8 | 1 מאל אין 2 וואכען | — | | 155—160 | 1 מאל אין חודש |
| מאנטעווידעא | — | | — | — | 160 | 1 מאל אין 2 וואכען | — | | — | — | — | — | 8 | — | — | | 195 | 1 מאל אין וואך |
| בוענאס־איירעס | 70 | | 160—170 | 4 ארער 6 מאל אין חודש | 160 | 1 מאל אין 2 וואכען | — | | — | — | — | — | — | — | — | | 195 | — |
| מעלבורן | — | | — | — | 310 | 1 מאל אין 4 וואכען | — | | — | — | 17—22 | 3 מאל אין חודש | — | — | — | | — | — |
| סידניי | — | | — | — | 310 | 1 מאל אין 4 וואכען | — | | — | — | 17—22 | 2 3 מאל אין חודש | — | — | — | | — | — |
| נייזעלאנד | — | | — | — | — | — | — | | — | — | 17—22 | 3 מאל אין חודש | — | — | — | | — | — |
| קאפשטאט | — | | 210 און מעהר פיר מאננער און 250 און מער פיר פרויען | 1 מאל אין חודש | 210 און מעהר פיר מאננער און 250 און מער פיר פרויען | 1 מאל אין חודש | — | | — | — | 10—11 גיניי | 1 מאל אין 4 וואכען | — | — | — | | — | — |

[1]) פון ליבאו אדער פון ריגא ביז האמבורג קאסט 20 רובל; ביז ברעמען—22 רובל; ביז לאָנדאָן 22 רובל, ביז הול און ביז ליווערפול—27 רובל; דער ראטשיף געהט אב 1 מאל אין וואך.

[2]) פון האמבורג אדער פון ברעמען ביז לאנדאן קאסט 24 מארק.